Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פּרייז 20 גראָשען | היינט 8 זייטען.

נײַער פֿאָלקסבלאַט

אומפּאַרטייאישע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע טאָג-צייטונג

Nr. 147	Łódź, Sroda 26 czerwca 1929 r.	זיבעטער יאהרגאנג	לאָדז, מיטוואָך יח סיון תרפ"ט	Nr. 147

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּיעטריקאָווער 21, טעל. 24-71

היינט־פּראָצעס פון גענ. מינ. טשעכאָוויטש

מאַרשאַל פּילסודסקי וועט אַרויסטרעטען מיט א לענגערער רעדע

וואַרשאַ, 25. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). דער סיים־מאַרשאַלעק דאַשינסקי איז היינט געווען ביים מאַרשאַל פּילסודסקי, ווי מ'שמועסט שטעהט דער דאָזיגער וויזיט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פּראָצעס נעגען גענ. מיניסטער טשעכאָוויטש, וואָס הויבט זיך אָן היינט אין מלוכה־טריבונאַל.

אַלס ערשטער וועט אויף דער היינטיגער זיצונג פון מלוכה־טריבונאַל אויסגעהערט ווערען אין דער ראָל פון עקספּערט, דער מאַרשאַל פּילסודסקי. דערנאָך וועלען ערשט אויסגעהערט ווערען די עדות.

די רעדע פון מאַרשאַל פּילסודסקי זאָל זיין זעהר אַ שאַרפע און זאָל דויערען 15—20 מינוט.

די פינאנציעלע לאגע איז גוט!

אזוי דערקלערט דער פינאנץ־מיניסטער, מאטושעווסקי

וואַרשאַ, 25. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). אויף דער היינטיגער זיצונג פון פינאַנץ־ראַט האָט געהאַלטען אַ רעדע דער פינאַנץ־מיניסטער מאַטושעווסקי, וועלכער האָט צו. אַנדערן דערקלערט, אַז די גאַנצע פּאַניק וועגען דער שלעכטער פינאַנציעלער לאַגע אין פּוילען איז אַ פאַלשע, און אַז אין דער ווירקליכקייט איז די לאַגע אַ גוטע. מען מוז בלויז — האָט ער געזאָגט — רעדוצירען אַביסעל די הוצאות אויף אַ סומע פון הונדערט מיליאָן זלאָטעס. די שפּאָרזאַמקייט אין פּוילען וואַקסט און מען דאַרף וועגן דעם נישט אַרויסגעבען קיין ספּעציעלע פאַראָרדנונגען. אַכטונג מוז מען בלויז געבען אַז די קורץ־טערמיניגע קרעדיטען זאָלען נישט פערוואַנדעלט ווערען אין לאַנג־טערמיניגע.

צום סוף האָט ער אָנגעוויזען, אַז ער איז נישט איינגעגאַנגען אויפ'ן רעדוצירען די סומע וואָס איז בעשטימט געוואָרען אויף צו בויען דעם קאַבעל וואַרשאַ—לאָדז, גאָר פשוט דערפאַר, ווייל די אַרבייטען זענען שוין אין גאַנג, און אַז בקרוב וועט דער קאַבעל ברענגען אַזעלכע הכנסות, וואָס וועלען רעקען דאָס, וואָס ער וועט אָפּקאָסטען.

א דאנק פאר'ן מארשאל פילסודסקי

פון די גאליציאנער יודען אין אמעריקא

וואַרשאַ, 25. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). דער פערבאַנד פון די גאַליציאַנער יודען אין אַמעריקא האָט צוגעשיקט היינט אַ רעפּעשע צום מאַרשאַל פּילסודסקי.

אין דער רעפּעשע ווערט אויסגעדריקט אַנערקענונג און אַ דאַנק דעם מאַרשאַל פאַר זיין ענערגישער האַלטונג ביים ליקווידירען די געשעהענישען אין לעמבערג. עס ווערט אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז דער מאַרשאַל וועט שטעהן אויף דער וואַך פון דער אַלט־פּוילישער טראַדיציאָנעלער טאָלעראַנץ און וועט בעקעמפען די מיטעלאַלטערליכע עקסצעסען.

דעווע'ס בעזוך אין מאסקווע

זאל ברענגען צו ווירטשאפטליכע בעציהונגען צווישען רוסלאנד און אמעריקא

מאָסקווע, 25. (ספּ. טעל.) די היינטיגע פּרעסע שענקט פיל אויפמערקזאַמקייט דעם אָנקומען פון אַמעריקאַנישען פינאַנץ־ראַט געבער ביי דער פּוילישער רעגירונג, ה' דעווי, און דריקט אויס די האָפנונג, אַז דאָס וועט דערפיהרען צו ווירטשאַפטליכע בעציהונגען צווישען סאָוויעט־רוסלאַנד און אַמעריקא.

ניו־יאָרק, 25. (ספּ. טעל.) אין די הינגע פּאָליטישע קרייזען האַלט מען די רייזע פון דעווי אַלס אַ זעהר וויכטיג געשעהעניש, ווייל נאָך פון זיין בעריכט וועט אָפּהענגיג ווערען דאָס אָנקענען פון דיפּלאָמאַטישע און האַנדעלס־בעציהונגען מיט די סאָוויעטען.

ווי רעדען איצט די געוועזענע טויט-שונאים

לאָנדאָן, 25. (ספּ.טעל.) די גרויסע דייטשע קריגס־שיף „עמדען" האָט צום ערשטען מאָל זייט דעם קריג אָפּגעשטאַטעט אַ וויזיט דעם ענגלישען פּלאָט אין אקלאַנד. ביים טרעפען זיך זענען פון ביידע צדדים אָפּגעגעבען געוואָרען אַלע העפליכקייטס־סאַלוטען. אויפ'ן באַנקעט וואָס דער קאָמענדאַנט פון „עמדען" האָט געגעבען פאַר דער ענגלישער אַרמיראַליטעט, האָט ער געהאַלטען אַ רעדע און אָנגעוויזען, אויף זיין אויפנאַבע, וואָס בעשטעהט אין פערשטאַרקען די פריינדשאַפטליכע בעציהונגען צווישען דייטשלאַנד און ענגלאַנד, בעת דעם קריג — האָט געזאָגט דער קאָמענדאַנט — האָבען מיר געטון אַלץ, וואָס האָט געהערט צו אונזער פליכט. דאָסזעלבע האָבען אויך געטון ענגלישע אָפיצירען, איצט אָבער נאָכ'ן קריג, קאָנען מיר זיין פריינד, ווי פאַר דער מלחמה.

ענגלאנד — רוסלאנד

לאָנדאָן, 25 (ספּ. טעל.) דער היינטיגער „דיילי העראַלד" ערקלערט, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט שוין געמאַכט די ערשטע שריט צו בעניייען די בעציהונגען מיט סאָוויעט־רוסלאַנד, זי האָט זיך געווענדעט צו אַלע רעגירונגען פון איהרע דאָמיניעס און זיי געמאָלדען, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט בדעה צו בעניייען די בעציהונגען מיט סאָוויעט־רוסלאַנד. דער ענטפער פון די דאָמיניעס ווערט ערוואַרט אין קורצען, און ערשט נאָכדעם וועט פעסטגעשטעלט ווערען דער טערמין פון אָנהויבען די אונטערהאַנדלונגען מיט די סאָוויעטען.

קאָמוניקאט.

דער הויפּט-וואַהל-קאָמיטעט פאַר'ן 16-טען אַלוועלטליכען ציוניסטישען קאָנגרעס אין פּוילען, טיילט מיט אַלע שוקלים אין לאָדז, דאָס אויף איהר זיצונג פון 20. יוני 1929 זענען אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדע בעשלוסען:

1) די וואַהלען צום 16. ציוניסטישען קאָנגרעס אין לאָדז מוזען פאָרקומען אין אַ ניישראַל אָרט.

2) אַלס פאָרזיצער פון וואַהל קאָמיטעט ווערט נאָמינירט ה' מ. העלמאַן.

3) אַלס וואַהל-לייטער ווערט נאָמינירט ה' א. שאַפּירא. —

אַלס פועל יוצא פון די אָנגענומענע בעשלוסען טאָרען די וואַהלען צום 16. ציוניסטישען קאָנגרעס נישט פאָרקומען צעגעלניאַנאַ 4.

דער הויפּט - וואַהל = קאָמיטעט פון 16.ציוניסטישן קאָנגרעס אין פּוילען

וואַרשאַ, 25. יוני 1929.

8117

קאָמוניקאט

אַלס נאָמינירטער פאָרזיצער פון דער הויפּט-וואַהל-קאָמיטע אין וואַרשע, מאַך איך בעקאַנט די שוקלים אין לאָדז, דאָס אין הסכם מיט דעם בעשלוס פון הויפּט וואַהל-קאָמיטעט קומען פאַר די וואַהלען צום 16-טען ציוניסטישען קאָנגרעס אין לאָדז דעם קומענדיגען זונטאָג דעם 30 יוני אין ענגלישען זאַל אַל. 1 מאַי 2

פאָרזיצער (—) משה העלמאַן

8118

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al Kościuszki 27
tel. 51-78,
הויט- און וענערישע קראַנקהייטען און ליכטבעהאַנדלונג. נעהמט אָן פון 4—7 אָוונט.

Dr. med.
L. Pikielny
אורולאָג
ספּעציעל ארצט פאר נירען
בלאָזען-און האַרן - קראַנק
NAWROT 8
tel. 19-90
עמפּפאַנגט פון 4—7 אָוו.
נעמט אויך אָן אין דער לעטשניצע „Zdrowie"
נאַכאָמיעסקא 3 פון 12½ ביז 2 נאָכמיטאָג

מזל=טוב ווינש איך פון טיפעטען הארצען —!
הרב הגאון ר' פנחס היימאַנ'ען
(אין אַלעקסאַנדער)
צו דער חתונה פון זיין זוהן — הבחור המופלג כמוהר"ר גרשון —
זאָל ער זוכה זיין אויך אויף ווייטער צו זעהן ערצויגען זיין זוהן אינ'ם גייסט פון תורה ומסורה ווי ביז היינט.
שמואל כעלעמער.
אַלעקסאַנדער.
9608

צו די וואהלען פון דעלעגאטען צום 16-טען ציוניסטישען קאנגרעס.

אין הסכם מיט'ן פּונקט 12 פון וואַהל-רעגולאַמין פון דער הויפּט-וואַהל-קאָמיסיע טייל איך מיט, אַז די וואַהלען פון דעלעגאַטען צום 16-טען ציוניסטישען קאָנגרעס אין לאָדז קומען פאָר

זונטאג, ד. 30/6, פון 10 פריה ביז 10 אווענד

אין לאָקאַל פון פאַראייניגטען שקל-קאָמיטעט (צעגעלניאַנאַ 4).

8113

וואַהל-קאָמיסאַר (—) א. שפּירא.

שבועה דאורייתא!

היינט, מיטוואָך, 10 אַ זייגער אין דער פריה, וועט שווערען ה'

ראטענבערג פון שוו. יאקובא 8

אַ שבועה דאורייתא אין דער אַלטשטעטישער שוהל, צוליב אַ סכסוך פון 200 זל.

י. ליכטענשטיין,
נאָוואָמיעסקא 10.

8115

פאראייניגטער וואהל=בלאק פון ראדיקאלע ציוניסטען „ע/ המשמר" מיט די אומאפהענגיגע ציוניסטען.

1

היינט, מיטוואָך, פּינקטליך 8.30 אין אָוונד קומט פאָר אין זאַל „קאָלאָסעאום" (זאַכאָדניאַ 53) אַ גרויסער ציוניסטישער פאָלקס=מיטינג

א.ד.ט.: „אונזערע פאָדערונגען אויפ'ן 16. ציוניסטישען קאָנגרעס".

מיט רעדעס וועלען אַרויסטרעטען: מיטגליד פון ציונ. אקצ. קאָמ.

דעפּ. יצחק גרינבוים
דעפּ. מ.א. הארטגלאס
רעד. א. גאָלדבערג

(בלאָק)

מיט דיסקוסיעס.—בילעטען צו 50 גר. צו בעקומען אין ביוראָ פון דער ציוניסט. אָרג. (צעגעלנ. 4), מ. נגרין (נאָוואָט. 15), קאַפע „אַטלאַנטיק" (פּיעטריק. 48). קאָנד. קאַרש (6. שערפּיען 30) און אין טאָג פון מיטינג — ביי דער קאַסע פון זאַל.

Dr. med. H. Lubicz
צעגעלניאַנאַ 43, טעל. 41-32
ספּעציאַליסט פאַר הויט, וועגערישע און מענער קרענקהייטען. היילונג מיט קוואַרץ-לאַמפּע (האָר-אויספאַל)
נעהמט אָן פון 8—10 און פון 5—8 אָוונד.

Z intencji zaślubin
p. Miny Borekówny
z p. Genekiem Hajmanem
(Aleksandrów)
życzę dużo szczęścia
Samuel Chelemer.
Aleksandrów, w czerwcu.

דער בעקאַנטער מוזיקער
י. טאָבע, לאָדז, אַלעע 1. מאַי 18
האָט אין זומער-סעזאָן — אין ווישניאָווא=גורא
ווילע קוזדי, געבען שטיפּט און ערטיילט דאָרט לעקציעס וויאָלין, קלאַוויר און מאַנדאָלין.

אלע יודען

קויפען היינט די אָפּצייכנונגען לטובת דעם אינטערנאַט אין העלענובעק

די, וועלכע האָבען זונטאָג נישט געהאַט די מעגליכקייט אַנטיילצונעהמען אין דער פייערונג, קענען היינט ערפילען זייער חוב, קויפענדיג די היינטיגע אָפּצייכנונגען.

אונטערגעגאנגען 16 שיפען
בעת אשרעקליכע שטורם אויפ'ן שווארצען ים

אָ ד ע ס, 25 (ספּעציעל) זייט 24 שעה הערשט אויפ'ן שווארצען ים אַן אויסערגעוועהנליכער שטורם. 16 קלענערע שיפען זענען אונטערגעגאַנגען. די ראַדיאָ-סטאַציעס נעהמען כסדר אויף הילפס-רופען פון זינקענדע שיפען. אויך דער האַפען אין באַטום איז שטאַרק צושטערט געוואָרען.

צוזאמענשטויס פון פאליציי מיט שילער אין לעמבערג

ל ע מ ב ע ר ג, 25 (טעלעפאָניש) נעכטען אין צווייטען טאָג פון דער גריכיש קאַטוילישער חגא, איז אַ גרויסע פּראָצעסיע פון אוקראַינישער שול-יוגענד אוועק אויפ'ן ליטשאַקאָווער צמענטאַזש. די שילער האָבען אַרויפגעלעגט אויף אַ רייה קברים קרענץ מיט אַנטי-מלוכה'שע אויפשריפטען. ווען פאָליציי האָט געוואָלט אינטערווענירען, איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס. 17 פּערזאָן זענען אַרעסטירט געוואָרען.

דאנציגער בירגער אויף די פוילישע באהנען

ד אַ נ צ י ג, 25 (אַטע, טעלאוניאָן) צווישען דירעקטאָר פון די פוילישע באַהנען אין דאַנציג און דעם פוילישען קאָמיסאַר פאַר דאַנציג מינ. שטראַסבורגער איז געשלאָסען געוואָרען אַ געהיימער אָפּמאַך, לויט וועלכען דאַנציגער בירגער קאָנען אָנגעשטעלט ווערען אויף די פוילישע באַהנען נאָר מיט דער הסכמה פון קאָמיסאַר.

דר. מרדכי עהרענפרייז 60 יאהר אלט

ש ט אָ ק ה אָ ל ם, (י.ט.א.) דעם 21-טען יוני ה. י. האָט דער רב-הכולל פון שטאָקהאָלם און בעקאַנטער העברעאישער שריפטשטעלער דר. עהרענפרייז געפייערט זיין 60-יעהריגען יובילעאום. דר. עהרענפרייז איז געבוירען אין לעמבערג אין יאָהר 1869 און האָט שטודירט אין דייטשלאַנד. נעבען מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, האָט ער שוין אין זיינע יונגע יאָהרען אַלס גלענצענדער סטיליסט און שריפטשטעלער גענומען אַ טיכטיגען אַנטייל אין דער יונגער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור. זייט דעם ערשטען ציוניסטישען-קאָנגרעס האָט דר. עהרענפרייז גענומען אַ לעבהאַפטען אַנטייל אין דער ציוניסטישער בעוועגונג. אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסען פלעגט ער אַרויסטרעטען אַלס רעפערענט אין קולטור-פראַגען. פון 1900 ביז 1914 איז דר. עהרענפרייז געווען רב-הכולל פון בולגאַריען, זייט 1914 פון שוועדען. אין שוועדען האָט דר. עהרענפרייז פיל מיטגעהאָלפען פאַר דער פּאָפּולאַריזירונג פון דער העברעאישער און יודישער ליטעראַטור. ער האָט פערעפענטליכט אַ רייה ווערק אין שוועדיש וועגען יודישער וויסענשאַפט און ליטעראַטור, צוו. אַנד. אויך אַ רייזע-בוך פון ארץ-ישראל.

דאס אינערן-מיניסטעריום לייקענט,
אז פאר'ן לאדזער מאגיסטראט איז בעשטימט א פינאנץ-קאָמיסאר

וו אַ ר ש אַ, 25 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). אין צוזאַמענהאַנג מיט די קלאַנגען, וואָס האָבען זיך פערשפּרייט, אַז די רעגירונג האָט בעשטימט אַ פינאַנץ-קאָמיסאַר אין לאָדזער מאַגיסטראַט, האָט דאָס אינערן-מיניסטעריום אַרויסגעגעבען אַ קאָמוניקאַט, אין וועלכען די ידיעה ווערט אָפּגעלייקענט.

אין קאָמוניקאַט ווערט געזאָגט, אַז די פראַגע איז אין מיניסטעריום איבערהויפּט נישט בעטראַכט געוואָרען, און ס'איז נאַטירליך וועגען דעם נישטאָ קיין שום בעשלוס.

עס ווערען אויך אָפּגעלייקענט עהנליכע קלאַנגען בנוגע אַנדערע שטעט.

די ליטערארישע צוואה פון ד"ר טעאדאר הערצל

ב ע ר ל י ן, (יט"א) אין היגען „בוך און קונסט-פערלאַג" איז די טעג ערשינען דאָס בוך „צייט-גענאָסען איבער הערצל" אונטער דער רעדאַקציע פון דר. ט. נוסענבלאַט. אין דעם בוך איז צום ערשטען מאָל פערעפענטליכט געוואָרען די ליטעראַרישע צוואָה פון דר. טעאָדאָר הערצל. די צוואָה איז געשריבען דעם 12-טען פעברואַר 1897 און איז געעפענט געוואָרען ביים „קייזערליך-קעניגליכען בעצירקס-געריכט וועהרינג דעם 4-טען יולי 1904.

די צוואָה בעטיטעלט „מיין ליטעראַרישעס טעסטאַמענט", לויטעט:

עס מוז, ס'איז נויטיג צו זיין צוגענרייט צום טויט. איך וויל נישט מאַכען קיינע רעדענסאַרטען. וואָס איך בין געווען פאַר יודען, דאָס וועט די קומענדע צייט בעסער בעאורטיילען אַלס די גרויסע מאַסע פון דער געגענוואַרט.

„די עיקר-ירושה מיינע איז די טאָג-בוך-אַרטיגע אויפצייכנונגען וועגען מיין ווירקען אין דער יודישער זאַך. ביז איצט זענען פערהאַן פיר ביכער, וואָס ליגען טיילווייז ביי מיר, און טיילווייז ביי מיין פאָטער. איך וועל זיי אפשר שפּעטער רעפּאַרירען אין אַ זיכערען אָרט. די דאָזיגע מאַטעריאַלען זאָלען פערעפענטליכט ווערען היכף נאָך מיין טויט.

„פאַר דער פערעפענטליכונג, ריינינגונג (ריכטונג), פון די טעקסטען א.אַ.וו. זאָל געבילדעט ווערען אַ קאָמיסיע. אין דער קאָמיסיע רעלעגירט צוויי מיטגלידער דער ציונס-פערבאַנד פאַר עסטרייך, אַ ליטעראַרישער בייראַט. וועלכער זאָל ווי ווייט מעגליך געהערען צום קרייז פון מיינע פריינד, בעשטימט דער אפּוטרופּס פון מיינע קינדער.

„עס זאָל אָפּגעשלאָסען ווערען אַן אָפּמאַך מיט אַן אַנשטענדיגער פערלאַגס-פירמע, וועלכע זאָל אַרויסגעבען די מעמואַרען אין דייטשער און ענגלישער שפּראַך. מיט דער פערמעגענס-רעכטליכער זייט זאָל זיך פערנעהמען דער אפּוטרופּס פון מיינע קינדער.

„עס וועט אפשר אויך זיין געוואונשען אַ זאַמלונג פון מיינע ציוניסטישע אַרטיקלען און רעדעס. רערביי זאָלען גילטען די זעלבע בעדינגונגען, ווי פאַר די מעמואַרען.

„ווייטער עמפעהל איך צו זוכען אַ פערלעגער פאַר מיינע אַנדערע שריפטען. איך רענק, אַז מען זאָל אַרויסגעבען אין אַ זאַמלונג מיינע טעאַטער-שטיק. מיין בעליבטעסט שטיק איז „דאָס געטאָ", אויך דער פראַגמענט פון דער „חתונה-קאָמעדיע", וואָס איך האָב אָנגעהויבען שרייבען אין וויסבאַדען זאָל אַריין אין דער זאַמלונג. אַלס צוגאָב זאָלען קומען די נאָטיצען פאַר שאַפענדע קינסטלער.

„אין באַנד זאָל ענטהאַלטען די פעליעטאָנען, און אַרטיקלען, וואָס זענען פון פראַנקרייך געשריבען געוואָרען פאַר דער „נייער פרייער פרעסע" און זענען נאָך אין בוך-פאָרם נישט פערעפענטליכט געוואָרען.

„מיינע איבעריגע אין בוך-פאָרם נאָך נישט פערעפענטליכע פעליעטאָנען וועלען אויסמאַכען מעה-רערע בענדער.

„מיין נאָמען וועט נאָך מיין טויט וואַקסען. דעריבער גלויב איך, אַז פאַר אַלע מיינע ווערק וועט זיך געפינען אַ פערלעגער.

„איך האָב היינט, ווי אַ ווערער אויגענבליק, זייט איך שרייב, דאָס בעוואוסטזיין, אַז איך האָב די פערער שטענדיג געהאַלטען אַלס עהרענמאַן; איך האָב מיין פערער קיינמאָל נישט פערקויפט, קיינמאָל מיט איהר נישט געטריבען קיין געמיינהייט און אַפילו נישט קיין קאַמעראַרשאַפט.

„דער דאָזיגער לעצטער ווילען מיינער קען פּובליצירט ווערען.

„עס וועט זיך אויך נאָך מיין טויט נישט געפינען קיינער, וואָס זאָל מיך קענען שטראָפען פאַר אַ ליגען".

קאנגרעס פון די פען-קלובען
ווינער פרעסע וועגען יודישען אנטייל

וו י ע ן, 24 (י.ט.אַ.) היינט האָט זיך דאָ געעפענט דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון די פען-קלובען. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט פערעפענטליכט די ווינער פרעסע אַרטיקלען וועגען דעם קאָנגרעס און זיינע אַנטיילנעהמער. דערונטער אויך וועגען די פאָרשטעהער פון דער יודישער ליטעראַטור און די גלייכווערטיגקייט פון איהרע פאָרשטעהער מיט די רעפּרעזענטאַנטען פון אַנדערע ליטעראַטורען. בעזונדערס ווערט בעגריסט שלום אַש, וואָס זיינע ווערק זענען איבערזעצט אין פיל אייראָפּעאישע שפּראַכען, האָבען אַ וועלט ליטעראַרישע בעדייטונג. שלום אַש ווײַלט שוין [illegible]טליכע טעג אין וויען.

הכנות צום פוילישען לופט-פליה

מ י ל אַ ן, 25 (ספּ.טעל.) די הכנות צו דער לופט-רייזע פון די צוויי פוילישע פּילאָטען קליש און קאָוואַלטשיק איבערן אַטלאַנטישען אָקעאַן ווערען געמאַכט זעהר אינטענסיוו.

קליש פליהט איצט אויפ'ן עראָפּלאַן „פּאָלאָניאַ" ביי טאָג און ביי נאַכט, כדי זיך צוצוגעוואוינען צו אַלע עווענטואַליטעטען.

פערבאטען דעמאנסטראציעס

ק אָ ב לע נ ץ, 25 (אַטע) די רהיינלאַנד-קאָמיסיע האָט פערבאָטען, וועלכע ס'איז דעמאָנסטראַציעס אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן 10 כען יאָהרטאָג פון ווערסאַלער טראַקטאַט.

אַנ'עדות שיסט אין די ריכטער

ר י ג ע, 25 (אַ"ע). אין סאָוויעטישען געריכט אין באַקו, בעת ס'איז בעהאַנדעלט געוואָרען דער פּראָצעס פון אַ טעראָריסט, האָט איין עדות אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און עטליכע מאָל אויסגעשאָסען אין די ריכטער. דאַן האָט ער געפּרובט בעגעהן זעלבסטמאָרד. ביי אַ גרויסער מהומה איז דער פּראָצעס איבערגעריסען געוואָרען.

דער פראצעס פון סטודענט שאפירא

אַ נ ט וו ע ר פּ ע ן (י.ט.א.) עס איז בעשטימט געוואָרען דער טערמין פון פּראָצעס פון יודישען סטודענט שאַפּיראָ, וועלכער האָט, ווי בעקאַנט פערוואונדעט דעם רוסישען אַנטיסעמיט מיקעלסאָן. דער פּראָצעס וועט פאָרקומען דעם 4 טען יולי ה.י.

זעלבסטמארד פון 2 מענשען אין א טונעל

פּ ר אַ ג, 25 (אַטע) אין טונעל ביי יאָזעף-היטע האָט מען געפונען די צושניטענע קערפּער פון צוויי מענער. פון אַ בריף, וואָס מ'האָט ביי זיי געפונען, איז צו זעהן, אַז ביידע האָבען בעשלאָסען צו בעגעהן זעלבסטמאָרד און צו דעם צוועק האָבען זיי זיך אַוועקגעלעגט אויף די באַהן-שינעס אין טונעל.

4 מענשען אומגעקומען אין פייער

ל אָ נ ד אָ ן, 25 (ספּ טעל.) בעת אַ שרפה, וואָס איז אויסגעבראָכען אין אַ פריזיר-סאַלאָן אין סענדערלענד, זענען אומגעקומען 4 מענשען, דערונטער 3 קינדער.

Dr.Z-Rakowski

ספּעצ. פאַר אויערען-, נאָז-, האַלז- און לונגען-קראַנקהייטען.
קאָנסטאַנטינער 9. טעל. 27-81.
שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נאָכט אויך אין לאַגעווניקי, נאָוורושקער 17 פון 10—11 און פון 2—3

דאס יודישע לעבען איז סאוויעט-רוסלאנד

יודישער ראַיאָן אין רוסלאַנד קאָלעקטיוויזירט

מ אָ ס ק וו אַ. (יט"א) אויף אַ פּלענאַר-זיצונג פון סאָוויעטישען אויספיהר-קאָמיטעט אין קאַלינינדאָרף איז אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס, אַז דער גאַנצער קאַלינינדאָרפער ראַיאָן זאָל אין פערלויף פון דעם נאָהענטסטען יאָהר אינגאַנצען קאָלעקטיוויזירט ווערען.

דער דאָזיגער בעשלוס, וואָס איז פון זעהר גרויסער וויכטיגקייט פאַר די יודישע קאָלאָניסטען פון דע סדאָזיגען ערשטען יודישען ראַיאָן, וועט אָהן ספק אָנציהען אַ בעדייטענדער צאָהל יודישע ערד-אַרבייטער, וועלכע זענען נישט קיין אָנהענגער פון קאָלעקטיוויזאַציע, און ווילען בעסער בעאַרבייטען זייער ערד אַלס יחידים.

שוידערליכער כוליגאנישער אנפאל פון אנטיסעמיטען

ל ע נ י נ ג ר אַ ד. (יט"א) גאַנץ לענינגראַד קאָכט איצט צוליב אַ שוידערליכען אופן ווי אַזוי אַנטיסעמיטישע אַרבייטער אויף דער רעפּראָדוקציע-פאַבריק „גלאַוונאוקאַ" האָבען געפּייניגט אַן אַלטען יודישע [אַרבייטער] האָווירקין.

די כוליגאַנעס פלעגען זייער קרבן שטעכען מיט נאָרלען, איהם אָבגיסען מיט גיפּס, אויסשמירען מיט פאַרב און בכלל אָנטון געבערענטע

צרות. דער צענטראַלער פערבאַנד פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען האָט איצט אָנגעהויבען אַנ'אויספאָרשונג כדי די שולדיגע צוציהען צום געריכט.

קאַמף מיט'ן אַנטיסעמיטיזם איז דער רויטער אַרמעע

מ אָ ס ק וו אַ. (יט"א) צוליב די יאָפטע אַנטיסעמיטישע פאָרפאַלען אין דער רויטער אַרמיי איז דאָ פאָרגעקומען אַ גרויסער מיטינג פון דעם גאַנצען מאָסקווער ראַיאָן, אויף וועלכען עס זענען אָנוועזענד געווען טויזענדער סאָלדאַטען און קאָמאַנדירען.

דער מיטינג איז געווע[ן] געווידמעט אויסשליסליך דער פּראַגע וועגען אויסוואָרצלען דעם אַנטיסעמיטיזם פון צווישען די רייהען אין דער רויטער אַרמיי. די רעדנער האָבען אָנגעוויזען אויף דער שעדליכקייט פון דעם אַנטיסעמיטיזם און וועגען דעם שאַנדפלעק, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם וואַרפט אויף דער רויטער אַרמיי.

צוויי חדשים צוואַנגס-אַרבייט פאַר בלוט-בלבול

מ אָ ס ק וו אַ. (יט"א) אַ מיטגליד פון שטאָטישען סאָוויעט אין פּאָלטאַווע, וואַסילי שיקולאַ איז פעראורטיילט געוואָרען אויף צוויי חדשים צוואַנגס-אַרבייט פאַר מאַכען אַ בלוט-בלבול אויף זיין יודישער שכנה שרה ליכניצקאַיאַ. שיקולאַ האָט פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ליכניצקאַיאַ האָט געוואָלט צוגנבענען ביי איהם זיין קליינע טאָכטער. כדי איהר צו קוילען און בענוצען איהר בלוט. שיקולאַ האָט דערביי צוגעגעבען, אַז עס איז נישט קיין נייעס, דאָס יודען נוצען בלוט פון קריסטליכע קינדער.

בעת דרי געריכטס-פערהאַנדלונגען איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז שיקולאַ פלעגט מערדערליך שלאָגען זיין קינד, און דערפאַר פלעגט זיך דאָס קינד שטענדיג אויסבעהאַלטען פון איהם ביי ליכניצקאַיאַ אין הויז. דער ריכטער וואָס האָט פעראורטיילט שיקולאַ אויף צוויי מאָנאַטען צוואַנגס-אַרבייט, האָט אויך פעראורטיילט די פרוי ליכניצקאַיאַ צו בעצאָהלען פינף רובעל שטראָף פאַר בעליידיגען שיקולאַ. בשעת זי האָט זיך מיט איהם געקריגט.

רוסישער רויטער קרייץ גיט 35,000 רובעל פאַר יודישע קינדער

מ אָ ס ק וו אַ. (יט"א) דער סאָוויעטישער רויטער קרייץ האָט בעשטימט אַ סומע פון 35,000 רובעל צו העלפען די יודישע קינדער אין די קאָלאָניעס מיט שפּייז ביז צום נייעם געראָטעניש.

די דאָזיגע סומע איז אַ טייל פון די 160,000 רובעל וואָס זענען נויטיג אויף אויסצוהאַלטען די 4500 יודישע קינדער אין קרים און אויף אוקראַינע, וועלכע מוזען בעזאָרגט ווערען מיט שפּייז איז וועלכע עס איז איצט אין די קאָלאָניעס אַ מאַנגעל צוליב דעם אומגעראָטעניש פון לעצטען יאָהר.

ווילט איהר!!!
זיך אַססעקורירען אויף לעבען, פייער, גנבה, זעהר גוטע בעקוועמע פאַר אייך בעדינגונגען.
קלינגט תיכף אָן
טעלעפאָן 12-50
אין דער פערזיכערונגס-ביוראָ פון
מרדכי חיים רומקאָווסקי
105 קילינסקיעגאָ 105
איהר וועט זאָפאָרט בעזוכט ווערען, רעעל און פּינקטליך בעהאַנדעלט ווערען.
פערזוימט נישט!!
טיכטיגע אַגענטען קאָנען זיך מעלדען.

„נייער פאָלקסבלאַט“

25 יוני 1929

אזוי שלעכט איז נאך נישט געווען

דאָס גאַנצע לאַנד, די גאַנצע באַפעלקערונג, — אַלץ אַחוץ אויסנאַהם האָבען היי־יאָהר געוואַרט אויף דעם זומער־סעזאָן. ער האָט דאָס געזאָלט אויסהיילען די וואונדען, וואָס דער שרעקליכער ווינטער און דער נישט־פרעהליכער פריהלינג האָבען געלאָזען אויפ'ן לייב פון דער באַפעלקערונג.

און עס איז שוין איצט קלאָהר, וואָס דער זומער־סעזאָן האָט מיט זיך געבראַכט.

מ'קען עס אויסדריקען מיט איין קורצע וואָרט: אַ פולשטענדיגע פיאַסקאָ אויף דער גאַנצער ליניע. מ'קען דרייסט זאָגען, אַז ווייט דרייסיג־פערציג יאָהר געדענקט מען נישט, אַז אין אַ לאַנד זאָל זיין אַזוי שלעכט, ווי ס'איז איצט.

די ענגשאַפט אין געלד האָט זיך נישט פערקלענערט אויף אַ האָר. דער פראָצענט־זאַץ אין פריוואַטען דיסקאָנטא איז ווייטער אומגעהויער הויך. צום סוף פון יעדען חודש, ווען ס'קומען פאַר די צאָהלונגען, מוז זיך חושך: דעם עולם עסט זיך אָפּ די פינגער, איידער מ'איז איינשטאַנד אויסצוקויפען די וועקסלען.

אין מאַי מאָנאַט, ווען דער פראָצענט פראָטעסטען איז, געוועהנליך, דער קלענסטער, ווייל אין דעם חודש לייזען אַלע אַמשטאַרקסטע, אין אַלע בראַנזשעס, — היי־יאָהריגען מאַי איז די לאַגע געווען אַ פאַטאַלע די צאָהל פראָטעסטען איז געווען אַזוי גרויס, ווי אין אַפּריל, וועלכער איז, ווי בעוואוסט, געווען אַ רעקאָרד־חודש אין פרט פון פראָטעסטען. און דאָס כאַראַקטעריסטישע בעשטעהט אין דעם, אַז צום פראָטעסט זענען געגאַנגען וועקסלען פון די לאַנדווירטען, פון די פריצים, וועלכע פלעגען תמיד אין מאַי מאָנאַט זיך באַרען אין געלד. ווייל מאַי, יוני זענען דאָך די חדשים, ווען תבואה פעהלט אויס, ווען די פרייזען זענען הויך, און מ'רעאַליזירט רעמאָלט אויף גוטע באַדינגונגען די תבואה־רעזערווען.

היי־יאָהר איז אָבער ביי די לאַנדווירטע אַ חורבן. די פרייזען זענען געפאַלען אין פערגלייך מיט'ן פערגאַנגענעם יאָהר, ביי קאָרן אויף 52 פראָצ. ביי ווייץ — אויף 27 פראָצ. ביי גערשטען אויף 49 פראָצ., און די לאַנדווירטען קומט אויס ביי אַזעלכע באַדינגונגען לאָזען גיין צו פראָטעסט די אויסגעשטעלטע וועקסלען.

און די שלעכטע לאַגע אין דאָרף רופט זיך אָפּ אויפ'ן גאַנצען ווירטשאַפטליכען לעבען.

כדי צו האָבען אַ בולט'ן בעווייז, ווי שוואַך ס'איז די קאָנסום־קראַפט פון דער באַפעלקערונג, קען אילוסטרירען פאָלגענדער פאַקט: אָט האָט די רעגירונג געהעכערט אַביסעל די פרייזען אויף די בילינגע סאָרטען טאַבאַק־אויסאַרבייטונגען. דאָס איז געווען גענוג, אַז דער מלוכה־מאָנאָפּאָל זאָל בלויז אין איין חודש פערלירען 3 מיליאָן זלאָטעס! די העכערע פרייזען האָבען נישט נאָר נישט געגעבען אַ גרעסערע הכנסה, נאָר געגעבען אַ היזק אין פערגלייך מיט דעם חודש, ווען ס'זענען די ביליגערע פרייזען.

דער לעצטער בעריכט פון 10־טען יוני פון באַנק־פּאָלסקי ווייזט, אַז דער זאַפּאַס וואַלוטע און גאָלד האָט זיך ווידער פערקלענערט אויף איבער 18 מיליאָן זלאָטעס, דאָס הייסט, אַז פון 31־טען מערץ איז דער זאַפּאַס וואַלוטע און גאָלד קלענער געוואָרען אויף אַ 130 מיליאָן זלאָטעס (דאָס מאַכט אויס איבער 11 פראָצ. אין 2 1/3 חדשים).

ווען דער זלאָטי האָט זיך אין 1926 געבראָכען און די עקאָנאָמישע סיטואַציע איז געווען פאַטאַל, האָט דער דעמאָלט'יגער פרעמיער גראַבסקי געטרייסט דעם עולם, אַז די זון בעגיסט מיט גאָלד די פּוילישע פעלדער, אַז די גוט־געראָטענע תבואה וועט מיט גאָלד אָנפילען די פּוילישע קאַסעס. מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט דער גאַנצער עולם געוואַרט אויף דעם אַמעריקאַנער נס — אויף דער הלואה. אַ גוט געראָטעניש, אַ שטראָם פון גאָלד — זענען געווען יענע מאָמענטען, וועלכע האָבען דעם בּרייטען עולם געגעבען כוח צו האָפען, די אילוזיע צו גלויבען, אַז ס'וועט ווערען בעסער, אַז ס'וועט זיין גוט.

און איצט ?

אַ גוט געראָטעניש? ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, וועט אַ גוט געראָטעניש איצט, ווען די שפּייכלער זענען אין דער גאַנצער וועלט פול מיט תבואה און עס איז נישטאָ קיין בעלנים אויף צו קויפען — וועט אַ גוט געראָטעניש נאָך נידעריגער מאַכען די פּרייזען פון תבואה, און אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם וועט דאָס בעדייטען קלענערע ריוח און אַ שלעכטע לאַגע פאַר דער לאַנדווירטשאַפט.

אַן'אויסלענדישער הלוואה? ווער גלויבט רען אין איהר? ווער וועט אונז איצט באָרגען געלד?

אַ לאַנד, וואו די רעגירונג שווייגט און טוט גאָרנישט, כדי אַנטקעגענצווווירקען דער שלעכטער לאַגע, וואו די רעגירונג בעזיצט נישט קיין שום פּראָגראַם — אַזאַ לאַנד בעקומט נישט קיין געלד געבאָרגט.

און דערפאַר טאַקע איז דער פּעסימיזם און די האָפנונגסלאָזיגקייט אַזוי פערשפּרייט אין די ברייטסטע ווירטשאַפטליכע קרייזען. אָט וואָס עס שרייבט איינע פון די גרעסטע און ערנסטע פּוילישע צייטונגען:

„אין די באַנקקרייזן רעכנט מען זיך זייער ערנסט מיטן סוף פון לויפענדיגען חודש, ווייל ס'עקזיסטירט אַ מורא, אַז דער סוף חודש וועט זיין אויסנאַהמסווייז שווער. מען רעכענט זיך מיט דעם, אַז די צאָהל פּראָטעסטען וועט דערגרייכן צו אַ זייער גרויסען פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָהל וועקסלען“.

אויב דאָס דערוואַרט מען אויף סוף יוני, אויף איינעם פון די בעסטע חדשים אין יאָהר, טאָ וואָס זשע וועט זיין אין די אַזוי־גערופענע טויטע חדשים, אין יולי, אויגוסט?

מ. א.

דער אמת וועגען דרום־אפריקא

(אַ בריף פון יאָהאַנעסבורג)

ס'איז דאָ אַ ווערטעל, אַז אַ גאַסט אויף אַ ווייל זעהט אויף אַ מייל. מ'קען דאָס אָבער נישט זאָגען וועגען בעריכט פון ד״ר מ. בּראַמסאָן איבער דרום־אפריקא, וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין די צייטונגען. געווען איז ער דאָ אַ ווייַלע, נאָר געזעהען האָט ער גאַנץ ווייניג. און איך וויל דאָ איבערגעבען פאַר די יודען אין פּוילען, וועלכע קלייבען זיך צו וואַנדערען אַהער, דעם אמת וועגען דרום־אפריקא.

ביז היינטיגען טאָג איז פאַר בעל־מלאכות כמעט אין אַלע בראַנזשעס שווער צו קריגען אַרבייט. איבערהויפּט איז שווער פאַר שוסטער, שטעפּער, שמידען, מוליאַרעס, שניידער, אויב נאָר אַ גוטער, אַ צושניידער, קען קריגען אַרבייט לייכטער. שווער איז מיט די פּשט'ע קליינשטעטלדיגע שניידער, וועלכע עס קומט אויס צו אַרבייטען אין די פאַבריקען כמעט פאַר די זעלביגע געצאָהלט ווי אַ שיקסע.

אַ גרויסער טייל פון די אָנגעקומענע קריגען עטליכע פונט אין דער היגער חברה־קדישא, וועלכע האָט זעהר אַ גרויסען פאָנד פון צעהנדליגער טויזענטער פונטען און העלפט דערמיט אָרימע־לייט; קויפען זיי אַ וועגעלע, שפּאַנען איין דערין אַ קאָפּער און פיהרען אַרום איבער די הייזער פרוכט צו פערקויפען. ווער עס קריגט שוין אַ 20—30 פונט, דער קויפט אַ פערד און וואָגען און פיהרט אַרום עופות, אייער, פּוטער, און מאַכט דערפון ווי מ'זאָגט דאָ, „אַ שטיקעל לעבען“. נאָר אויך אין דעם „פאַך“ זענען שוין דאָ צופיל.

דער עיקר דאַרף נישט פאָהרען אַהער צו אַ מענש, וועלכער לאָזט איבער אַ היים, אַ פאַמיליע, וועלכע ער דאַרף שטיצען. ווען עס קומט אַ בחור, איז לייכט' פאַר איהם צו קריגען אַרבייט אין אַ שאָפּ ביי די מאַינס (גאָלד־גרובען). זיי אַרבייטען דאָרט ביי גאַנץ שלעכטע בעדינגונגען, דערהויפּט די, וואָס אַרבייטען אין אַ „קאָפּעריטע“, דאָס איז אַ'אַ מין „רעסטאָראַן“ פאַר די שוואַרצע, וואו עס נעהמט אַ לאַנגע צייט אונזערען אַ מענשען, ביז ער געוואוינט זיך איין צו די כחות דאָרטען. זיי קריגען עטליכע פונט אַ חודש אַלץ פריי, און אַזוי־ווי פון אַ שטאָט איז מען ווייט, קיין הוצאות האָט מען נישט, שפּאָרט מען אָפּ אין עטליכע יאָהר אַביסעל געלד, מ'לערנט זיך דאָרט די קאַפּער־געשעפט, אויך זייער שפּראַך, איינגענטליך אַ צעהנדליג שפּראַכען, ווי זולוס, מאַשונאַס, מאַצאַנגאַס, מאַקאָווע, מאַצאָפּע, מאַשוואַזע, וואָס איינע איז גאָר נישט ענליך צו די צווייטע. נאָכדעם מאַכט מען אַ שאַפּקע פאַר זיך, און מיט דער צייט אַרבייט מען זיך אַרויף, ווי ס'האָבען געטאָן די מעהרסטע היגע נגידים.

דערהויפּט איז אויך דאָ, ווי אומעטום, אָן געלד זיך שווער צו דערשלאָגען צו אַ רעכטען מסחר. און צו אַ מסחר, וואָס זאָל געבען פּרנסה, און אויך האָבען אַ עתיד, דאַרף מען דערצו וועהרניגסטענס עטליכע טויזענד פונט, און צו קריגען אַזאַ סומע דאַרף מען שוין האָבען גאָר רייכע און גוטע קרובים. אַזעלכע פאַלען טרעפען דאָ אָבער זעלטען.

לייענענדיג דעם בעריכט, אַז געלד און בריליאַנטען איז דאָ אַזוי פיל, אַז מען פערזעהרט אַזש דאָס צו גראָבען, קען מען זיך פאָרשטעלען, אַז מען דאַרף זיך נאָר איינבויגען עס אויפצוקלייבען, ווייל עס וואַלגערט זיך מסתם אין די גאַסען. וויל איך דאָ אויפקלערען ווי־אַזוי מען געפינט די דימאַנטען (אגב סיי בּיים גראָבען די גאָלד, סיי ביי די דימאַנטען זענען נישט בעשעפטיגט קיין 1 פראָצ. יודען. מ'קען זאָגען, אַז פאַר יודען איז עס אַבסאָלוט אוממעגליך).

עס ווערען אָפּט אויסגעפונען נייע פעלדער מיט בריליאַנטען, דאַן ווערט דער גאַנצער שטח איינגעטיילט אויף קליינע קלייִמס (חלקים) און עס ווערט בעשטימט אַ טאָג, ווען דאָס וועט פונאַנדערגעטיילט ווערען. ווען ס'איז פערהאַן אַ פאָר טויזענט קלייִמס, קומען זיך אויף צעהנדליגער טויזענדער מענשען, און ס'ווערט געטיילט אויף אַ גאַנץ פּרימיטיווען, אפילו ווילדען אופן, מען שטעלט אוים דעם גאַנצען עולם אַ 3/4 וויאָרסט פון'ם פּלאַץ. יעדען ווערט געגעבען אַ ברעטעל, וואו ער שרייבט אויף זיין נאָמען, און לויט אַ געגעבענעם סיגנאַל הויבען אַלע אָן צו לויפען, און פאַר טויזענד, וועלכע קומען פריהער, טוען אַריין דעם ברעטעל אין דער ערד, און דערמיט זענען זיי קונה דעם קלייִם.

איז וואָס שייך דעם לויפען, וואָלטען שוין אונזערע יודען נישט געשאַלעוועט זייערע פיס. נאָר דער חסרון איז, וואָס שוין האָבענדיג דעם קלייִם, איז עס צוליב אַ סך טעמים דעם יודען שווער אָנצוהאַלטען. ערשטענס קען זיך דער יוד נישט צופּאַסען צום לעבען אויף וויסטען, פּוסטען פעלד אָן שום מענשליכע היגיענישע איינריכטונגען; וואַסער דאַרף מען פיהרען אַמאָל אַ צעהנדליג מייל אין די גרויסע היצען, און עס ווערט פערקויפט אויפ'ן פּלאַץ; וועגען וואַשען זיך דאַרף שוין אָפּגערעדט; לעבען לעבט מען אין אַ גרויב בעדעקט מיט לייוונט, — ווייטער קאָסט אַ פאָר הונדערט פונט די מכשירים צום גראָבען, און דער עיקר, אויב מ'בעשליסט זיך שוין אויף אַ'אַ לעבען און מען האָט שוין דאָס געלד, און מען גראָבט שוין און אפילו מ'געפינט שוין, בלייבט דאָס ביי די שוואַרצע, ווייל אונזער אַ מענש קען בשום אופן נישט איינהיטען, זיי זאָלען עס נישט אַרונטערשלינגען, אַזוי ווי זיי טוען. — אַ סך יודען האָבען שוין געפּראָבט זיך נעמען דערצו, נאָר אַלע האָבען, נאָכן אָפּמאַטערען זיך אַ קורצע צייט, עס אַוועקגעוואָרפען.

ביי די גאָלד גרובען איז שוין גאַנץ אַנדערש. דאָס ליגט שוין ביי די גרויסע מיליאָנערען אין די הענט, מחמת די איינריכטונגען צו סגראָבען די גאָלד קאָסט אין די הונדערטער טויזענטער פונטען. דאָרטען אַרבייטען 80 פראָצענט שוואַרצע, נאָר די אויפזעהערס זענען ווייסע. מ'אַרבייט פון 2 ביז 3 טויזענט פוס די טיף. דאָס העכסטע, וואָס מ'קען דאָרט אַרבייטען, איז אַ יאָהר, דעמאָלסט קריגען זיי אַ'אַ קראַנקהייט, וואָס מ'רופט „טאַישעס“. פון שטויב ווערט זיי אויסגעגעסען די לונגען, און קריגענדיג עטליכע הונדערט פונט סטראַכאָווקע, בלייבען זיי שוין אייביגע אינוואַלידען.

בכלל אָבער, אויב מ'אָרדענט זיך דאָ איין און מ'פערדינט, דאַרף מען גאָרנישט קיין בעסערען שענערען און פרייערען לעבען ווי דאָ.

איצט טומעלט זיך דאָ זעהר שטאַרק צוליב אַ יודישען בחור, געגען וועלכען מען האָט צום ערשטען מאָל אָנגעווענדעט אַ שטראָף, וואָס ביז איצט פלעגט מען דאָס בענוצען נאָר געגען שוואַרצע. די מעשה איז אַזוי פאָרגעקומען: אַ יודישער בחור נאַפּטאַלעוויטש, אַ פערמער, ווערענדיג אין כעס אויף אַ שוואַרצען, האָט צוזאַמען מיט זיין געשעפט־פערוואַלטער, אַ בחור איהם אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, געהאַלטען אַזוי אַ גאַנצען טאָג, און אַזוי געקלאַפּט מיט שטעקענס און מיט די פיס, ביז זיי האָבען איהם אַרויסגעקלאַפּט די נשמה. ביז איצט פאַרן הרגענען אַ קאַפער פלעגט מען בעשטראָפען פון 50 ביז 100 פונט שטראָף נאָר דאָ, נעמענדיג אין בעטראַכט דעם אויסערגעוועהנליך ברוטאַלען אופן, ווי ער האָט איהם גע'הרגט, האָט איהם דער ריכטער, (דווקא אַ יוד, סאַלאַמאַן) אָפּגעמשפּט צו אַ יאָהר האַרד־לייבאָר (שווערע טורמע) און דערצו 10 לאַשעס (שמיץ), פון וועלכע מ'בלייבט אַ קאַליקע אויפ'ן גאַנצען לעבען.

דערהערענדיג אַזאַ פּסק, האָט זיך דאָ אָנגעהויבען אַ געוואַלדיגער טומעל, ביי יודען ווי ביי קריסטען. דערהויפּט האָבען זיך דערשראָקען די פערמערס, ביי וועלכע אַזעלכע פאַלען זענען מעשים בכל יום, מ'האָט גענומען שיקען פּעטיציעס, דעלעגאַציעס, די צייטונגען זענען געוואָרען פול דערמיט, נאָר ס'האָט גאָרנישט געהאָלפען, און גראַד ערב־פּסח, ווען מיר האָבען געציילט פּרע'הן די עשרה מכות, האָט מען איהם אַריינגעציילט די 10 שמיץ.

איצט אַרבייט מען ווייטער, מ'זאָל איהם שענקען די טורמע. דעם בור, וואָס האָט גע'הרג'עט צוזאַמען מיט איהם, האָט מען אָפּגע'משפּט נאָר 25 פונט שטראָף, נעמענדיג אין אַכט, אַז ער האָט עס געטאָן לויט'ן בעפעהל פון זיין בעל־הבית.

יאָהאַנעסבורג. מ. מילוויצקי.

די טראגעדיע פון א יונגען בחור

ערב א סענסאציאנאלען פראצעס אין בערלין

(בריף פון דייטשלאַנד)

שבת האָט זיך אָנגעהויבען אַ סענסאַציאָנעלער פּראָצעס:

דער 19־יאָהריגער יודישער יונגערמאַן, ה. פרידלענדער ווערט בעשולדיגט אין ערמאָרדען זיין יונגערען ברודער און זיין קאָלעגע, אַ זוהן פון אַן־אונגאַרישען דיכטער. וועלכער וואוינט אין בערלין.

דער אומגליקליכער יונגלינג, איז בעגאַנגען אַ דאָפּעלטען מאָרד, און זיך באַלד אַליין געמעלדען צו דער פּאָליציי. דער מאָרד האָט בשעתו גרויסגערופען אַ געוואַלטיגע ערשיטערונג: אין'ם מאָרד פון אַן'אייגענעם ברודער האָט מען געזוכט עפּיס קאָמפּליצירטע סודות, פון דעם מין, ווי עס האָבען זיך ענטפּלעקט אין'ם בעקאַנטען פּראָצעס פון'ם גימנאַזיסט קראַנץ, אָדער פון עפּיס אַ געהיימער דראַמע, אין וועלכער ס'שפּיגלען זיך אָפּ די שאָטען־זייטען פון דער מאָדערנער פאַמיליע, וואָס איז פונאַנדערגעטרייסעלט געוואָרען אין די נאָך־מלחמה־יאָהרען.

דאָס געריכט דאַרף אויפקלערען צי דאָס איז אַ טיפּישע ערשיינונג פאַר אונזערע טעג, צי ס'איז אַ צופאַל — ווען אין אַ פרידליכער פאַמיליע, וואָס פיהרט אַ שווערען קאַמף פאַר'ן טאָג־לעבען (פרידלענדערס שטאַמען פון פעטערבורג, וואו זיי האָבען פאַר'ן קריג געהאַט אַ געשעפט) האָט זיך אַריינגעריסען אַן־אומגליק.

אויף וויפיל ס'איז ביז איצט בעקאַנט, וויקעלט זיך דאָ פונאַנדער אַן'אינדיווידועלע דראַמע, וואָס האָט צופעליג אָנגענומען אַ טראַגישע פאָרם.

ווי געוועהנליך שטעקט אַזאַ פונק אין יעדער פאַמיליע, וואו ס'וואַקסען קינדער, פערשידענע לויט די פעהיגקייטען, לויט'ן כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט. דאָס לעבען פערווישט אָפּט די שפּיצען, אָבער אין איינצעלנע פאַלען שאַרפט עס נאָך צו, און אַמאָל טרעפט, אַז אַ וואַקלקע פאַלט אַריין אין אַן'אָפענעם רעזערוואואַר מיט בענזין.

אין בערלין האָט די פאַמיליע פרידלענדער געהאַט אַ קאָנפעקציע־מאַגאַזין, אָבער ס'איז זיי געגאַנגען שלעכט און מאַן און פרוי האָבען שווער געאַרבייט פון פריה ביז ביי נאַכט. די ברידער זענען געווען פערשידען לויט זייערע פעהיגקייטען: דער קלענערער איז געווען טעמפּעראַמענטפול, בליציג, בעוועגליך, דעם עלטערען — איז אַלעס אָנגעקומען שווערער. ער האָט זיך געפיהלט אַלס בע'עולה'טער. אין איינעם זענען זיי אָבער געווען גלייך — אין זייער גרענעצלאָזער ליבע צו זייער רוסישער „ניאַניאַ“, וועלכע איז 18 יאָהר געווען ביי זיי אין הויז, און וועלכע האָט די קינדער ליב געהאַט, ווי אַן'אויג אין קאָפּ.

דער יונגערער דער דערשאָסענער איז געווען מוזיקאַליש, פיזיש שטאַרקער פון'ם עלטערען ברודער, לעבענסלוסטיג, דער עלטערער — אַ פערשלאָסענער אין זיך, אַ ביסעל אַ מרה־שחורה'דיגער. ער, דער אומגליקליכער יונגלינג, האָט אין טורמע געפייערט זיין 19. געבורטס־טאָג. אויף זעהונגען אין טורמע לאָזט מען צו נאָר אַזעלכע, וואָס קענען רעדען דייטש, ווייל קיין דאָלמעטשער בעת די זעהונגען איז נישט צולעסיג, האָט די ניאַניאַ די גאַנצע צייט איהם נישט געקענט זעהען.

קיין איין עדות איז נישט געווען ביי דעם טראַגישען פאָרפאַל. אין דער היים איז דאַן קיינער נישט געווען אַ חוץ די צוויי ברידער פרידלענדער און זייער יונגער חבר, דעם אונגאַרער. די איינצעלהייטען פון'ם מאָרד זענען אויפגענומען לויט די ערקלערונגען פון פרידלענדער, און לויט די פּאָליציישע בעשרייבונגען פון'ם צימער, וואו די טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט.

אין דער דראַמע איז אַריינגעפלאָכטען נאָך אַ נאָמען אַ יונג מעדעל, וועלכע פרידלענדער האָט, זעהט אויס, ליב געהאַט. דאָס מעדעל איז אויסגעפאָהרען קיין קאַנאַדע, און, ווי מ'גיט איבער, איז זי פון דאָרט אַרויסגעפיהרט געוואָרען דורך איהרע עלטערן, באַלד ווי ס'איז בעוואוסט געוואָרען, אַז איהר נאָמען ווערט פערבינדען מיט'ן טראַגישען אומקומען פון פרידלענדער'ן און דעם אונגאַרער.

עס קורסירט אַ ווערסיע, אַז דער אונגאַר איז געשטאַנען אין אינטימע בעציהונגען מיט'ן מיידעל, און דאָס דערמאָנען וועגען דעם האָט אַרויסגערופען די שיסעריי מצד'ן עלטערען פרידלענדער.

דאָס מיידעל, וואָס וואָלט געקענט וואַרפען אַ שיין ליכט אויף דער טראַגעדיע, וועט ביים פּראָצעס נישט אויפטרעטען, און קיין ערקלערונגען נישט געבען.

די עקספּערטען נעוראָ־פּאַטאָלאָגען, וועלכע האָבען געהאַלטען אויף אָבסערוואַציע פרידלענדער'ן, וועלען דערצעהלען צי מיר האָבען דאָ צו טון מיט אַ גייסטיג־נאָרמאַלען מענשען.

איינס איז אָבער געוויס פעסטגעשטעלט, אַז ער איז געווען אַן'עהרליכער גוטער יונגעל, און אויף זיין גורל איז געפאַלען אַ שווערע לאַסט.

ק. י—ווי

ניער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

26 מיטוואָך יוני — יח סיון תרפ"ט

זון־אויפגאַנג 3.15
זון־אונטערגאַנג 8.01

כמעט אויף דרייפאך זאל פערגרעסערט ווערן די שטאט לאדז

פרעסע־קאָנפערענץ אין מאגיסטראט

(—) נעכטען, 1 אַ זייגער בייטאָג איז אין מאַגיסטראַט פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ מיט די פאַרשטעהער פון דער לאָדזער פרעסע וועגען דעם פּראָיעקט, וואָס דער מאַגיסטראַט האָט אַריינגעטראָגען אין שטאָט־ראַט מכוח פעראייניגען צו דער שטאָט לאָדז אַ גאַנצע רייהע אַרומיגע געגענדען.

די קאָנפערענץ האָט געעפענט וויצע־פּרעזידענט ראַפּאַלסקי, וועלכער האָט אָנגעוויזען, אַז די געגענד אַרום לאָדז, ווי כאָיני, רודאַ־פּאַביאַניצקאַ, ראַדאָגאָשטש און פיל אַנדערע פערבויען זיך זעהר שנעל, אָבער אָהן שום פלאַן און רעגולאַציע. סוף־כל־סוף צוליב דער שנעלער וואוקס פון לאָדז, וועלען די געגענדען זיך מוזען פעראייניגען מיט דער שטאָט, אָבער דעמאָלט וועט אַלץ זיין פערבויט אָהן פלאַן או סדר און די שטאָט וועט זיך נישט קענען קיין עצה געבן מיט דער רעגולירונג פון דער שטאָט. צוליב דעם האָט דער מאַגיסטראַט שוין איצט אויסגעאַרבייט אַ פלאַן וועגן פעראייניגען צו דער שטאָט גרויסע שטחים פון דער לאָדזער פעריפעריע, כדי ראַציאָנאַל אַדורכצופיהרען די רעגולאַציע און פערבויאונג פון דער שטאָט. פערשטעהט זיך, אַז די גמינעס פּראָטעסטירען, אָבער דער מאַגיסטראַט שרעקט זיך דערפון נישט אָפּ, ווייל יעדעס מאָל, ווען אַ גרויסע שטאָט וויל אין זיך איינשליסען וועלכע ס'איז גמינע, דערלאָזט דערצו נישט די גמינע, פשוט צוליב דעם, וואָס די דאָרפס איינוואוינער האָבען מורא פאַר גרעסערע שטייערן. די לאָדזער שטאָט־פערוואַלטונג נעהמט אָבער אין אַכט די טובה פון ביידע צדדים און טראַכט צו אַדורכצופיהרען דעם פּראָיעקט לויט וועלכען צו לאָדז זאָלען פעראייניגט ווערען פאָלגענדע שטחים: אַ טייל פון דער גמינע ראַדאָגאָשטש, פון דער גמינע לאַגעווניק, פון דער גמינע נאָוואָסאָלנע, די גאַנצע גמינע כאָיני, אַ טייל פון דער גמינע גאָספּאָדאַרש, די גאַנצע שטאָט רודאַ־פּאַביאַניצקאַ, אַ טייל פון דער גמינע ברוס, אַ טייל פון דער גמינע חיזעוו, אַזוי אַרום וואָלט זיך דער שטח פון לאָדז פערגרעסערט פון 5875 העקטאַר אויף 14.965 העקטאַר. נאָך דער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אַן אויספלוג אין די געביטען, וואָס זאָלען פעראייניגט ווערען צו לאָדז.

אַ גענויען בעריכט וועלען מיר נאָך ברענגען.

סקאנדאליעזע בעציהונג פון א אונטער־אינספעקטאר צו יודישע שילער און שילערינס

דער שול־אינספעקטאר דארף מאכען א סוף צו אזעלכע סקאנדאליעזע וויזיטאציע־מעטאדען

צו אונז אין רעדאַקציע איז געקומען דער „אָפּיעקון" פון דער פאָלקס־שולע אויף ריבנא, ה' דרעסלער, און אונז איבערגעגעבען פאָלגענדעס:

מיט אַן ערך 6 וואָכען צוריק, איז אין דער שטעטישער פאָלקס־שולע נומער 114 אויף ריבנא געקומען אַלס וויזיטאַטאָר דער אונטער־אינספּעקטאָר ה' פּאַרולקא וועלכער האָט אויסגעהערט די שילער, געשטעלט זיי פערשידענע פראַגען אָבער דאָס איז געשעהען אויף אַ זעלטענעם אופן, וואָס פאַסט גאָרנישט פאַר אַ פּעדאַגאָגיש געשולטען מענש. אַ יונגעל וואָס האָט געטראָגען פאות האָט ער געריסען פאַר די פאות. געשטעלט פראַגען, כדי צו פערטומלען די שילער, זיך געוויצעלט אויפ'ן חשבון פון דוד און שלמה המלך; איינעם פון די שילער אָנגערופען „בעהיימא" (בהמה) דער „קיעראָווניק" פון דער שולע אַן אויפגערעגטער האָט אַלס פּראָטעסט פערלאָזט דעם קלאַס בעת'ן בעזוך פונ'ם וויזיטאַטאָר.

די קינדער האָבען זייער עולה פערקלאָגט פאַר זייערע עלטערן און די עלטערן האָבען זיך געווענדעט צום שול־„אָפּיעקון", אַז ער זאָל אינטערווענירען ביי דער שול־מאַכט ווע.ען די נישט־פּעדאַגאָגישע אויספאַלען בעת די וויזיטאַציעס פונ'ם אונטער־אינספּעקטאָר.

ה' דרעסלער האָט זיך געווענדעט שריפטליך און מינדליך צום שול־אינספּעקטאָר סקאָווראָנסקי און האָט דאַן פון איהם בעקומען די פערזיכערונג, אַז ער וועט דעם ענין אויספאָרשען, וועט פעראָרדנען, אַז אַזעלכע „אויפטריטען" זאָלען זיך מעהר נישט ווידערהאָלען.

ה' דרעסלער האָט ביזאיצט קיין שום מיטטיילונג וועגען דעם, וואָס ס'איז געוואָרען מיט זיין ווענדונג, נישט בעקומען. דערווייל, מיט אַ צוויי וואָכען צוריק האָט זיך ה' פּאַרולקא ווידער אויסגעקליבען אויף אַ וויזיטאַציע, דאָס מאָל אין אַ פאָלקס־שול פאַר יודישע מיידלעך אין גייערס ראַיאָן (שולע נומער 128). דאָ האָט ה. פּאַרולקא זיך געווענדעט צו די שילערינס מיט אַזעלכע עפּיטעטע ווי „ציבולאַרקאַ", „פּאַרשיוואַ ושירובאַ" א.אַ.וו. איין מיידעל האָט זיך אויסגעצוויינט פון זיינע „וואַרימע" ווערטער, וואָס האָט איהר געווידמעט דער וויזיטאַטאָר. ה' פּאַרולקא האָט בעת דער וויזיטאַציע אַרויסגעוויזען אויך בקיאות אין היסטאָריע, פּאָליטישע פראַגען, אַזוי האָט ער זיך למשל געווענדעט צו אַ שילערין מיט דער פראַגע: „ווער זענען געווען די ערגסטע שונאים פון פוילען און פון וועמען האָט פוילען אַממייסטען געליטען?

די שילערין ענטפערט: — פון די רוסען.

— ניין, בעסערט אויס דער אונטער־אינספּעקטאָר — פוילען ברענגען צום אונטערגאַנג די זשידעס!

נישט בעקומענדיג קיין תשובה אויף זיין ווענדונג צום אינספּעקטאָר סקאָווראָנסקי האָט נעכטען זיך ה' דרעסלער געווענדעט צום שול־קוראַטאָר. אין דער ווענדונג ווערט איבערגעגעבען דער אָרט פון ה' פּאַרולקאַ'ס וויזיטאַציעס און ס'ווערט פערלאַנגט מאַכען אַ סוף צו אַזעלכע „אַרויסטריטען".

כדאי צו וויסען, וואָס וועט אויף אַזעלכע אַרויסטריטען פון זיינעם אַ בעאַמטען ענטפער'ען דאָס שול־קוראַטאָריום, ווי אַזוי וועט ער אויף דעם רעאַגירען.

צי וועט ער אויפקלערען דעם ה' פּאַרולקאַ וועלכער איז דער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג גוט בעקאַנט פון זיין עהנליכע מעשים מיט אַ צייט צוריק. צי וועט ביים ה' פּאַרולקאַ אָפּגענומען ווערען די מעגליכקייט, אַז די קולטור און ליטעראַטור פון „ראָזוואָי" זאָל ער נישט קענען אַנווענדען אין אינסטיטוציעס, וואו ער רעפּרעזענטירט די מלוכה־מאַכט און וואו פאַר זיינע אַזעלכע אַרויסטריטען טראָגט די דאָזיגע מאַכט אויך די פעראַנטוואָרטליכקייט.

בריף פון יונגען זעלבסטמערדער

ער שרייבט פארוואָס ער איז בעגאנגען זיין טראגישע טאט

ווי מיר האָבען שוין געמעלדעט אין נעכטיגען נומער, איז אין זיין איינענער וואוינונג בעגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך אויפהענגען זיך דער 17־יעהריגער שילער יעקב ריזענבערג, פון פּאָלודניאָווע 42.

דער יונגער זעלבסטמערדער האָט געלערנט אין דער מלוכהשער טעקסטיל־שול און איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב דעם, וואָס ער איז נישט אַדורכגעגאַנגען פון דער ערשטער קלאַס אין דער צווייטער. נעכטען איז פאָרגעקומען ריזענבערגס לויה וועלכע איז אַדורכגעפיהרט געוואָרען דורך „חסד של אמת". אַ דאַנק דער גרויסער מיה פון דעם דערמאָהנטען פעראיין איז נישט אַדורכגעפיהרט געוואָרען איבער דעם זעלבסטמערדער קיין סעקציע.

ריזענבערג האָט איבערגעלאָזען אַ בריף פון צעהן זייטען צו זיינע עלטערען. אין דעם בריף שרייבט דער זעלבסטמערדער: זייט מיר מוחל, ליבע עלטערען פאַר מיין נישט־בערעכענטען שריט, איך האָב אַנדערש נישט געקענט טון. די סיבות פון מיין טאָט זענען אייך וואַהרשיינליך בעקאַנט, די חרפה פאַר די נאָהענטסטע מיינע האָבען געבראַכט דערצו אַז איך מוז בעגעהן זעלבסטמאָרד. די שולד טראָגען די יעניגע, וועלכע האָבען מיך פון דער שולע דערווייטערט און איך שליידער זיי די בעשולדיגונג אין פנים, אַז נאָר זיי זענען שולדיג אין מיין פריהצייטיגען טויט, איך האָב געהאָפט אַריבערקומען אין אַנדערן קלאַס, איך בין געווען פעהיג, זיי האָבען אַדורכגעלאָזען אַזעלכע, וואָס זענען נישט געווען דערוואַקסען צום צווייטען קורס — מיך האָבען זיי דערווייטערט. מיר איז אַ שאָד דאָס לעבען, אָבער לייַדער מוז איך שטאַרבען. זייט נעכטען ווען אַ קאָלעגע האָט מיך אין אַנדזשעיעוו אינפאָרמירט, אַז מ'האָט מיך דערווייטערט פון דער שול, האָב איך מיך אַרומגעטראָגען מיט דער דעה צו בעגעהן זעלבסטמאָרד, אָבער איך האָב נאָך אַלץ געצווייפעלט. עס האָט זיך מיר נישט געקענט גלויבען און איך האָב מיר געזאָגט, וועלען זיי מיך דערווייטערן פון דער שול מוז איך שטאַרבען.

היינט, פאַר'ן אַוועקגעהן אין דער שול, האָב איך היים געבעטען גאָט, איך האָב געזאָגט תהלים, און געשטאַרקט אויפ'ן גייסט בין איך אַוועק אין דער שול נאָך אַ ווייטערדיגען לעבען אָדער נאָך אַ באַלדיגען טויט.

זיי האָבען מיר געגעבען דאָס צווייטע. פערפאַלען. איך האָב נישט געהאַט קיין מזל אין לעבען, וועל איך זוכען גליק אין טויט, ושאַלעוועט מיך נישט ליבע עלטערען און זייט מיר מוחל.

ווייטער ווענדעט זיך דער יונגער זעלבסטמערדער צו זיין מוטער, בעט, אַז מ'זאָל נישט צו־וויסען טון דעם פאָטער, ביז ער וועט קומען פון דער רייזע.

— אויב דו, מאַמע — שרייבט ער ווייטער — וועסט געהן אין דער שול נאָך מיינע פּאַפּירען, זאָג זיי, אַז זיי זענען בעגאַנגען אַ שרעקליכען פעהלער און איך האָב צו זיי אַ גרויסע טענה.

דער בריף ענדיגט זיך מיט עטליכע וואַרימע ווערטער צום פאָטער, וועלכען דאָס אומגליקליכע יונגעל בעט איהם מוחל צו זיין. דעם בריף דאַטירט ער דעם 24 יוני 15 מינוט פאַר 6 אין אָווענד, ווי בעקאַנט האָט מען איהם געפונען אַ טויטען אַרום 7 אַ זייגער אין אָווענד. דער דאָזיגער שרעקליכער דאָקומענט, איז אַלזאָ געשריבען געוואָרען אַ האַלבע שעה פאַר דעם זעלבסטמערדער'ס טויט.

דער זעלבסטמערדער האָט אויך איבערגעלאָזען אַ בריף צו דער פּאָליציי, אין וועלכען ער בעט, קיינעם נישט צו בעשולדיגען אין זיין טויט. ער טוט דאָס מיט זיין איינענעם ווילען און מיט'ן פולען בעוואוסטזיין.

דער זעלבסטמאָרד פון דעם יונגען שילער, האָט געמאַכט אַ גוואַלדיגען איינדרוק אין דער גאַנצער געגענד.

די אומגליקליכע פרוי מירעל

איהר שוועסטער איז ענטלאָפען מיט איהר מאַן און זי איז געבליבען אַ פערלאָזענע

נעכטען זענען איהר די כחות אויסגעגאנגען אין גאס

(—) נעכטען האַלב 8 אינדערפריה איז אויף זגערזשער גאַס נומער 9 געפאַלען אָהן בעוואוסטזיין די 36־יעהריגע פרוי מירעל ווינשטאַט פון דרעוונאָווסקאַ 19. ביז די אַרויסגערופענע פּאָגאָטאָוויע איז געקומען אויפ'ן אָרט פונ'ם פאָרפאַל איז ווינשטאַט שוין געווען טויט. דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז די פרוי איז געשטאָרבען פון אַ האַרץ־שלאַג. „חסד של אמת" האָט דעם טויטען קערפּער איבערגעפיהרט אין דער וואוינונג פון דער פערשטאָרבענער אויף דרעוונאָווסקאַ גאַס און פון דאָרט אויס איז פאָרגעקומען די לויה.

די פערשטאָרבענע האָט אַדורכגעמאַכט אַ זעהר שווער און אומגליקליך לעבען. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ געוויסען מיכאַל ווינשטאַט און אין אַ יאָהר אַרום געבוירען פון איהם אַ יונגעלע. אין יענער צייט, האָט מיכל ווינשטאַט אַריינגענומען צו זיך אַהיים אַ שוועגערין וועלכע האָט אַ לאַנגע צייט ביי איהר געוואוינט אויף אַלעם גרייטען. מיט אַמאָל האָט מירל בעמערקט, אַז איהר מאַן איז נישט גלייכגילטיג צו איהר איינענע שוועסטער. מירל האָט אָנגעהויבען טענה'ן מיט איהר מאַן, אָבער עס האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט און מיכאַל ווינשטאַט איז אינגאַנצען ענטלאָפען פון דערהיים, מיטנעהמענדיג, פערשטעהט זיך, מירל'ס שוועסטער. די אומגליקליכע איז געבליבען מיט איהר קליין קינד אָהן שום מיטלען צום לעבען. פון דעמאָלט אָן האָט זי אָנגעהויבען שווער צו אַרבייטען, כדי צו ערנעהרען זיך און איהר יונגעל, וועלכער איז איצט אַלט צוועלף יאָהר. לעצטענס האָט זי שוין אינגאַנצען נישט געהאַט קיין כוח צו אַרבייטען און האָט גענומען מיטאָגען פאַר איהר מיט'ן קינד אין די אומזיסטע קיכען פון מאַגיסטראַט. נעכטען אינדערפריה איז זי געגאַנגען נאָך אַרבייט, די איז אַנידערגעפאַלען אין גאַס און געשטאָרבען.

פאבאר פון יאהרגאנג 1908

היינט, מיטוואָך שטעלען זיך צו דער פּאָבאָר־קאָמיסיע נומער 1 (פּאָמאָרסקאַ 18) די מאַנספּערשוינען פון יאָהרגאַנג 1908, וואָס וואוינען אין 11־טען קאָמיסאַריאַט מיט די פאַמיליען־נעמען אויף R. W. Z.

פּאָבאָר־קאָמיסיע נומער 2 (אָגראָדאָוואַ 34) יונגעלייט פון די יאָהרגענג 1908 פון 1911, 1910 און 1909 פון 1, 4, 6, 7, 10, 12, 13 און 14 קאָמיסאַריאַט, וועלכע האָבען זיך צוליב, וועלכע ס'איז סבות נישט געקענט צושטעלען זיין די פאַר זיי בעשטימטע טערמינען.

פּאָבאָר־קאָמיסיע נומער 3 (זאַקאָנטנאַ 82) אַלע פּריוויליגע, וואָס זענען געבוירען אין 1908 און עלטערע, וואָס וואוינען אין לאָדז, נאָר זענען פערשריבען אין די רשימות פון אַנד. קרייזען.

באהן־טאריף־הנחות

ביים בעזארגען זיך מיט קוילען

(2) דער נייער באַהן־טאַריף זעהט פאָרויס 10 פּראָצענט הנחה פאַר אינסטיטוציעס, אַמטען און פּערזאָנען, וועלכע וועלען ברענגען קוילען אין די זומער חדשים. עס נעהמט אין דעם, אַז די אייזען־באַהנען זאָלען אין די הערבסט־און ווינטער־חדשים זיין ווייניגער בעלאַסטעט מיט די קוילען־טראַנספּאָרטען.

היינט די רבי'שע חתונה אין אלעקסאנדער

צו דער חתונה פון דעם אַלעקסאַנדערער רבינס טאָכטער מיט'ן ראַדזימינער רבינס זוהן, ווערען געמאַכט די לעצטע הכנות. דער ראַדזימינער רבי האָט געזאָלט נעכטען 9 אין אָווענד קומען קיין לאָדז אויף דער באַהן האָבען איהם אָפּגעוואַרט טויזענדער חסידים, כדי אָבער אויסצומיידען אַ געדראַנג האָט זיך דער רבי אָפּגעשטעלט אין זגערזש, ביי דעם דאָרטיגען ראָזאָר ר' לייבעל גאָלדבערג.

עס איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע פון קאָמאַרנער רבי (דעם חתנס זיידע), אַז ער קומט היינט קיין זגערזש.

די חתונה גופא קומט פאָר אין אַלעקסאַנדער היינט אין אָווענד.

ווילט איהר אז אייערע וואוינונגען זאלען נישט בלייבען אויף הפקר

בשעת איהר זייט אויף זומער־וואוינונגען און אין קור־ערטער?

דאָס פערזיכערונגס־ביוראָ פון ה' מרדכי חיים רומקאָווסקי, קילינסקיעגאָ 105, טעלעפאָן 12,50 נעהמט אָן אַלע אַרט אַסעקוראַציעס פייער און גנבה ספּעציעל וואוינונגען. אַלע די, וועלכע פאָהרען איצט אָפּ, דאַרפען תיכף קלינגען טעלעפאָן 12,50 ווי זיי וועלען זאָפאָרט בעזוכט ווערען און אַדורכפיהרען די אַסעקוראַציע, בכדי די לאָדזער איינוואוינער זאָלען אין די זומער־חדשים זיין רוהיג און נישט דאַרפען מורא האָבען פאַר גנבות. איז עס נייער איינענער אינטערעס דאָס תיכף אַדורכצופיהרען קלינגען טעלעפאָן 12,50 און דער ביוראָ פון מרדכי חיים רומקאָווסקי.

Dr. H. WOŁKOWYSKI

צעגעלניאנא 25, טעל. 26-87

ספּעציעל ארצט פאר הויט און ווענערישע קראנקהייטען, מענער־שוועכע, אלע ארט אויסלויפען, באהאנדלונג מיט קווארץ־שטראהלען.

אנגענומען פון 8—10 פריה, 12—2 נ.מ. און פון 4—8

Dr. med.

S. Heinrich

ספּעציאַליסט פאַר קינדער־ און אינערליכע קראַנקהייטען

עמפּפאַנגט אין זשאַכאָוויץ

ווילאַ סאָקאָלאָווסקי ביי דער באַהן־סטאַציע

פון דער האנדעלס-אינדוסטרי-קאמער

נעכטען איז פאָרגעקומען אַ קאָנסטיטואירענ־דע זיצונג פון דער פינאַנץ־קרעדיט און פערזיכע־רונגס־קאָמיסיע ביי דער האַנדעלס־אינדוסטריע־קאַ־מער אין לאָדז. די קאָמיסיע האָט געוועהלט אַלס פאָרזיצער דעם ה׳ ב. עטינגאָן און אַלס זיינע פערטרעטער די ה״ה קאָנאָשעווסקי און טעמפעל־האָף, און צ.אַ. בעטראַכט די אַקטועלע פראַגע פון מעגליך מאַכען פאַר די ווירטשאַפטליכע ספע־רען די לאָמבאַרד־קרעדיטען, אונטערן משכון פון סחורה, וואָס ליגען אויף לאַגער.

(ה) די האַנדעלס־קאַמער האָט זיך געווענדעט מיט אַ בריף צו די ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס אין וועלכע זי הייבט אויף די פראַגע וועגען צוריק־צאָהלען דעם אומזאַץ־שטייער פאַר עקספּאָרטירטע סחורות דורך די שטייער־אַמטען און וועגען הנחות פאַר די האַנדעלס־פירמעס וואָס פיהרען אַן עקס־פּאָרט. דעם מאַטעריאַל וועט די האַנדעלס־קאַמער אויסנוצען פאַר אַ מעמאָריאַל צו דער רעגירונג וועגען די דאָזיגע פראַגען.

פאַר צואייגנען 40,000 זל.

אלעקסאנדער בורמישטש אנדזשעיאק אויסגעשלאסען פון פ. פ. ס.

(2) נעכטען ביינאַכט איז אויף דער זיצונג פון קרייז־קאָמיטעט פון פ.פ.ס. אָנגענומען געוואָ־רען אַ רעזאָלוציע אויסצושליסען פון דער פאַרטיי דעם ה׳ מאַריאַן אַנדזשעיאַק (בורמיסטש פון אַלעקסאַנ־דער) פאַר אַ שענדליכען טאַט, און נעמליך — פאַר אָפּנעהמען אויפ׳ן אייגענעם חשבון פון דער עלעק־טראָזניע־קאַסע אין לאָדז אַ גרויסע סומע געלד, וואָס האָט געקומט דעם לאָדזער מאַגיסטראַט.

אַנדזשעיאַק איז אַ פערטרעטער פון מאַגיסט־ראַט אין דער פערוואַלטונג פון דער עלעקט־אָזניע. אַלס פערוואַלטונגס־מיטגליד קומט איהם אַ געוויסען האָנאָראַר פאַר׳ן בעטייליגען זיך אין די זי־צונגען. עס איז אָבער בעשטימט, אַז דער דאָזיגע־ר האָנאָראַר דאַרף צוריקגעקערט ווערען דעם מאַ־גיסטראַט. פאַר זיין אַנטיילנעהמען אין די זיצונגען אין יאָהר 1928, האָט אַנדזשעיאַק אָפּגענומען אַ סומע פון אַן׳ערך פערציג טויזענד זלאָטעס.

פערזענליכעס

(2) נעכטען איז געקומען פון אורלויב און צוריק איבערגענומען זיין אַמט דער לייטער פונ׳ם 5 פּאָליצײ־קאָמיסאַריאַט קאָמיסאַר טשעשליאַק.

דער לייטער פון 7 קאָמיסאַריאַט קאָמיסאַר ווילטשינסקי איז אַרויסגעפאָהרען אויף אורלויב עס פערטרעט איהם דער לייטער פונ׳ם 1 קאָמי־סאַריאַט קאָמיסאַר וולאַדיסלאַוו דאַנטשוק.

אורלויב

(2) פונ׳ם 1 יולי אָן הויבען אָן זייערע אור־לויבען דער שעף פון לאָדזער מיליטערישען גע־ריכט פּולקאָווניק גראַלעווסקי און די אויספאָר־שונג־ריכטער פון דעמזעלבען געריכט, מאַיאָר יאַסקולסקי, קאַפּיטאַן בריצקי און דער סעקרעטאַר פונ׳ם מיליטער־געריכט פּאָרוטשניק טריטקאַ.

ארעסטירט די אויספיהרער פון מארד אויף באלוט

(2) נעכטען האָבען מיר מיטגעטיילט וועגען בעסטיאַלישען מאָרד וואָס איז אויסגעפיהרט גע־וואָרען איבער׳ן 21 יאָהריגען יאַן אָלטשאַק, וועל־כער איז דערמאָרדעט געוואָרען פאַר דער טאַנץ־שולע אויף טאַרגאָווא 28.

נאָכ׳ן אויספיהרען דעם מאָרד זענען די מער־דער אַנטלאָפען. די פּאָליצײ האָט פאָרגענומען אַן׳אויספאָרשונג און נעכטען איז געלונגען אין אַ באַלוטער מלינע צו אַרעסטירען עטליכע פער־דעכטיגע פערזאָן. אונטער אַ קרייז־פערהער, האָ־בען זיי זיך מודה געווען אין דערמאָרדען אָל־טשאַק׳ן. די אַרעסטירטע קאַזשמערזש דאַמאַגאַלאַ (פראַנציסקאַנער 81) סטאַניסלאַוו מישקעוויטש (וואָוואָלסקאַ 5) און פּיאָטר שימאַנסקי (וואָוואָלסקאַ 12) זענען אָפּגעפיהרט געוואָרען אין טורמע אויף קאָפּערניקאַ.

Dr. med.
B. Robinzon
אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען
פּעטריקאָווער 10, טעל. 86־31
יעהמט אָן פון 8—9½ פריה און פון 3½—4½ נאַכי

Dr. med. I. WAJNBERG
CEGIELNIANA 47, tel. 26-02
אינערליכע קראַנקהייטען. ספּעציעל פאַר לונגען־און האַרץ־קראַנקהייטען, בעשטראַהלונגען און קינסטליכ:
אין דער היים פון 3—5 נאָכמיטאָג.

ארום די וואהלען צום 16. ציונ. קאנגרעס

דער היינטיגער מיטינג פון „על־המשמר“

היינט, 8.30 אָוונער קומט פאָר אין זאַל קאָ־לאָסעאום (זאַכאָדניאַ 53) אַ גרויסער ציוניסטישער פאָלקס־מיטינג איינגעאָרדענט דורכן לאָדזער וואַהל־קאָמיטעט פון דער פעראייניגונג פון די ראַדיקאַלע ציוניסטען „על המשמר“ מיט די אונאָבהענגיגע ציוניסטען. עס נעהמען אַנטייל רעפּ. יצחק גרינבוים, מ. א. האַרטגלאַס, און רעד. א. גאָלדבערג (וואַרשאָ), וועלכע וועלען אויספיהרליך בעהאַנדלען אַלע פּראָ־בלעמען פון 16. ציונ. קאָנגרעס.

פון צענטראַלען ציוניסטישען וואהל־קאמיטעט („עת־לבנות“)

דער צענטר. ציוניסטישער וואַהל־קאָמיטעט „עת לבנות“ וועלכער גרופּירט אַרום זיך די אָנהענ־גער פון דער פערברייטערטער יודישער אַגענץ, פיהרט אָן מיט דער וואַהל־אַקציע אין דער שטאָט און קרייז לאָדז, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פיהרט דער קאָמיטעט אַרויך אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבייט אין לאָדז ווי אויך אויף דער פּראָווינץ. צו דעם צוועק ווערען איינגעאָרדענט פערזאַמלונ־גען און אַ גאַנצער רייה שטעט פון דער לאָדזער וואָיעוואָדזשטוואָ מיט דער בעטייליגונג פון די מיט־גלידער פון קאָמיטעט: רעפּ. ד״ר ראָזענבלאַט, רעד. אונגער, מ. לימאַן, לאַווניק א. יאָעל, ק. פיינבערג, מ. טעמפעלהאָף, א.אַ. רעפּ. ד״ר ראָזענבלאַט וועט היינט זיך בעטייליגען אין אַ גרויסען מיטינג אין זדונסקאַ־וואָליאַ און מאָרגען דאָנערשטאָג וועט ער בעזוכען זגערזש.

די וואהל־אקציע פון „התאחדות“

ווי בעקאַנט האָט דער „התאחדות“ ביי די איצטיגע וואַהלען צום ציוניסטישען קאָנגרעס גע־שלאָסען אַ בלאָק מיט די שומרים. אויף די ליסטע אין לאָדז פיגורירען די ה״ה יוסף שפּרינצאַק ד״ר ה. מאַרטמאַקאָווער, א. לעווינסאָן בן־עמי, גורין, פ. לו־פּיאַניקער און אַנדערע, דעם שבת אָרדענט די „התה־דות“ איין צוויי גרויסע וואַהל־מיטינגען אויף וועל־כע עס וועלען אַרויסטרעטען אָנגעזעהענע פיהרער פון דער ליסטע.

געשאפען א וואהל־קאמיטעט פון די ראדיקאלע ציוניסטען

ס׳איז געשאַפען געוואָרען אַ וואַהל־קאָמיטעט פון די ראַדיקאַלע ציוניסטען צו די קאָנגרעס־וואַה־לען אין אונזער שטאָט. צו וועלכען ס׳געהערען די ה״ה ח׳ מרגליות, מגסט. ש. גליבטער, פרנס מ. ח. רומקאָווסקי, ד״ר מ. פלרמן, מג. בערקאָוויץ, סטוד. בראָווערמאַן, י. אַקאַוויע, י. ש. רעדליך, און א. קצברג. פערשטעהער פון די יוגענד־גרופּען „סיכ־פּאַטיקער פון „החלוץ־המרכזי“ און „הרצליה“ א.אַ.

קאנפערענץ פון ארבייטער־פארטייען

געגען קאמיסאר־לייטונג פון דער קראנקען־קאסע

(2) אין לאָקאַל פון קרייז־קאָמיטעט פון פּ. פּ. ס. איז פאָרגעקומען אַ צווישען־פּאַרטיי־קאָנפע־רענץ וועגען נעהמען אַ שטעלונג צום בעשטימען אַ קאָמיסאַר אין קראַנקען־קאַסע. אין דער קאָנפע־רענץ האָבען צווישען אַנד. אַנטיילגענומען מצד „בונד“ די ראַטמענער: ליכטענשטיין, מילמאַן און זעלמאַנאָוויטש.

לאַווניק קוק און קאַלוזשינסקי גיבען אָפּ אַ בעריכט וועגען די לעצטע געשעהענישען אין דער לאָדזער קראַנקען־קאַסע און וועגען דער נאָמינאַציע פון אַ קאָמיסאַר, איז אָנגעגעבען געוואָרען אַ פּראָטעסט אין דעם הויפּט־פּערזיכע־ר נגס־אַמט, און דער עגין וועט איבערגעגעבען אין העכסטען אדמיניסטראַטיווען געריכט.

נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע איז בעשלאָסען געוואָרען צו פיהרען אַן׳ענערגישע אַקציע געגען קאָמיסאַר.

אין דער אויפקלערונגס־קאָמיסיע האָט מען אויסגעוועהלט דעם לאַווניק קוק, קאַלוזשינסקי און מילמאַן.

שטיצט היינט דעם „אינטערנאט און פערמע אין העלענובעק“

היינט ווערט פערקויפט אויף די גאַסען פון שטאָט, אַן׳אָפּצייכנונג לטובת דער זעהר בעליב־טער און פּאָפּולערער אינסטיטוציע — „אינטערנאַט און פערמע אין העלענובעק“. ערשט היינטיגען זונטאָג איז פאָרגעקומען די פייערונג פונ׳ם 5 יאָהריגען יובילײ און די חנוכת הבית פון עטליכע נייע בנינים. די אומגעהויער גרויסע צאָהל מענשען וועלכע זענען צו דער פייערונג געקומען טראָץ דעם נישט גינסטיגען וועטער, זענען געווען די בעסטע דעמאָנסטראַציע פאַר דעם ווי אַזוי די אינסטיטוציע איז פּאָפּולער און בעליבט אין די פערשידענסטע קרייזען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

אָבער נאָר אַ קליינער טייל פון די פריינט און פערעהרער פון דער אינסטיטוציע האָבען די פייערונג בעזוכט. היינט האָבען די גרויסע מאַסען די מעגל בקיים אויסצודריקען זייער אַנערקענונג דער אינסטיטוציע פאַר די ביז איצטיגע לייסטונ־גען און דורכדעם צוגעבען נאָך מוט און מעגליכ־קייטען די אַרבייט ווייטער צו פיהרען און צו פערברייטערן.

אַלזאָ, יעדער, ווער ס׳האָט אַן׳אינטערעס און סימפּאַטיע צו דער אינסטיטוציע, ד. ה. יעדער לאָדזער יודישער איינוואוינער, זאָל היינט קויפען די אָפּצייכנונג לטובת „העלענובעק“.

געפאהרען אויף דער חתונה פון איהר אייניקל און געשטארבען אויפ׳ן וועג

(—) פון וולאָצלאַווע איז עהרענצכטען אויף דער נאַכט אַרויסגעפאָהרען קיין לאָדז די 70־יעהריגע רחל גרונדמאַן. די פרוי גרונדמאַן איז געפאָהרען צו איהר׳ס אַ זוהן, וועלכער האָט נעכ־טען געזאָלט פראַווען די חתונה פון זיינ׳ס אַ טאָכ־טער. נעכטען אין דער פריה ווען דער צוג האָט זיך געפונען צווישען ווידזעוו און לאָדז איז דער פרוי גרונדמאַן שלעכט געוואָרען און זי האָט באַלד אָנגעהויבען צו גוסס׳ן. איינער פון די פּאַ־סאַזשירען וואָס איז געפאָהרען אין דעמזעלבען וואַגאָן וואָס די פרוי גרונדמאַן האָט דורך איבער־רייסען די פּלאָמבע אָפּגעשטעלט דעם צוג און מ׳האָט אָנגעהויבען צו זוכען צי ס׳געפינט זיך נישט אַמ ל אַ דאָקטאָר אין צוג. ליידער איז קיין דאָקטאָר נישט געווען און דער צוג איז ווייטער אָפּגעפאָהרען קיין לאָדז. אין עטליכע מינוט אַרום איז אָבער פרוי גרונדמאַן געשטאָרבען ביים אָנ־קומען פון צוג קיין לאָדז האָט מען וועגען דעם טראַגישען פאַל מיטגעטיילט דעם חסד־של־אמת, וועלכער האָט אַהין דעלעגירט זיינע מיטגלידער. די טויטע איז אָפּגעפיהרט געוואָרען אין פּראָ־זעקטאָריום און פון דאָרט אויס האָט חסד־של־אמת אַדורכגעפיהרט די לויה פון דער פּלוצלינג־פער־שטאָרבענער.

די אויסשטעלונג פון „סטארט“

אויף דער אויסשטעלונג פון דער קינסטלער־גרופּע „סטאַרט“ וואו עס בעטייליגען זיך די בעסטע לאָדזער קינסטלער ווי י. שפּיגעל, הירשפּאַנג, פינ־קעלשטיין א.א. איז אויך אַרויסגעשטעלט דורך דעם קינסטלער הילער דער עהרען־דיפּלאָם וועל־כען ער האָט אויסגעפּערטיגט פאַר דער בעוואוס־טער שריפטשטעלערין און לאַראַנטקע פון דעם היי־יעהריגען ליטעראַרישען פּריז פון לאָדז, זאָפיאַ נאַל־קאָווסקאַ.

די אויסשטעלונג געפינט זיך אין גייערס פּאַ־לאַץ, פּיעטריקאָווער 74, פראָנט 1־טען שטאָק.

דער עהרען־דיפּלאָם וועט זיין אַרויסגעשטעלט נאָר ביז׳ן 29 ד. ח.

די אויסשטעלונג איז אָפען פון 10 אינדערפריה ביז 10 אין אָוונער.

פון „גאנג“

היינט די פּרעכטיגע רעוויע „צום ווידערזעהען“ אין וועלכער עס טרעט אַרויס די בעוואוסטע אַרטיס־טקע פון די אויסלענדישע און וואַרשאָווער בינה־נעם לאַריסאַ אַלעקסיאַ. די סענסאַציע פונ׳ם פּראָג־ראַם איז דער פּראַכטפולער נומער „די גאַנג־קאַפּעלע“ און די פּרעכטיגע פאַרביגע פראַנצוי־זישער „רינג קאַמף אין גאַנג“. דער מעקסיקאַ־נישער טאַנגאָ אין דער אויספיהרונג פון דעם טאַ־לאַנטפולען באַלעט־פּאָרל וואַינאַר־סאַבאַלט, רופט אַרויס אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטען.

נעכטיגע רינג־קאמפען אין צירק

די אַטראַקציע פון די נעכטיגע אַטלעטען־קאַמ־פען איז געווען די רעצידירענדע צו אַמענטערפענישען צווישען פּאַשאָוו׳ן און שטיבאַר׳ן. די ערשטע שעה פון ראַנגלען זיך האָט נישט געגעבען קיין רעזול־טאַט און דעריבער איז דער קאַמף אַריבער אויף פּונקטען. דעם ערשטען פּונקט האָט גענומען פּאַ־שאָוו. באַלד דערנאָך האָט אָבער שטיבאַר דער־גרייכט דריי פּונקטען. פּאַשאָוו האָט אָבער דאַן אָנגעווענדעט דעם מאַקסימום פון זיין כח און איינס־צוויי איז שטיבאַר געלעגען אויף ביידע לאָ־פּאַטקעס. אין אַלגעמיין האָט דער דאָזיגער קאַמף געדויערט אַ שעה מיט 18 מינוט.

דער צווייטער קאַמף שטעקער—ווינוראַ האָט זיך פערענדיגט רעמי.

אין אַ פּופּצעהן־מינוטיגען ברוטאַלען קאַמף האָט אָרלאָוו אַוועקגעלעגט קראָוס׳ן.

צום סוף האָט פּעטראָוויטש מיט אַ ראַפּעל־טען גענלסאָן בעזיגט שפּיעוואַטשעק׳ן אין 18 מינוט.

היינט קעמפען פּאַשאָוו—פּעטראָוויטש (רעצי־דירענד) שטעקער—אָרלאָוו, שטיבאַר—ווינוראַ א.אַ.

שטאטראט

(מ) דאָנערשטאָג וועלען פערקומען צוויי זי־צונגען פון שטאָט־ראַט. ס׳וועט בעהאַנדעלט ווערן דער פאָרשלאַג פון מאַגיסטראַט וועגען נעמען אַ קורץ־טערמיניגע הלואה פון אַ מיליאָן דאָלאַר.

קאשטשושקא־דענקמאל

(מ) נעכטען האָט מען אָנגעהויבען בויען דעם בעטאָן־אונטערטייל פון קאָשטשושקאָ־דענק־מאָל אויפ׳ן פרייהייטס־פּלאַץ. די אַרבייטען וועלען דויערען ביז סעפּטעמבער ה. י. און וועלען קאָס־טען אַן׳ערך 40.000 זל.

אפטייקען

היינטיגע נאכט־דיזשורען

(2) פ. וואָיציצקי (נאַפּיורקאָווסקי 27) וו. דאַניעלעצקי (פּיעטרקאָווסקאַ 17) אילניצקי און צימער (וואָלטשאַנסקאַ 37) ליינוועבער (פריי־הייטס־פּלאַץ 2) י. האַרטמאַן (מלינאַרסקאַ 1) י. קאַהאַנע (אַלעקסאַנדראָווסקאַ 80).

די פארבערייטונגען צו דעם גרויסן טורן־ און ספארט־פעסט

די פאָרבערייטונגען צו דעם גרויסען טורן־ און ספּאָרט־פעסט, וועלכער וועט פאָרקומען שבת דעם 6 יולי אויפ׳ן ספּאָרט־פּלאַץ אין העלענאָוו זענען אין פולען גאַנג. די ספּאָרט־אינסטרוקטאָרען לעגען אַוועק אַ סך מיה, אַז די ספּאָרט־איבונגען וועלכע וועלען צום ערשטען מאָל געוויזען ווערען אין לאָדז, ווי למשל די איבונגען מיט המער און רייף זאָלען אויסגעפיהרט ווערען מיט דער גאַנצער פּרעציזקייט, וועלכע איז אַזוי אייגען פאַר ספּאָרט.

צו די פערשידענאַרטיגע איבונגען ווערען צוגעגרייט ספּעציעל פאַרביגע קאָסטיומען, וועלכע וועלען צוגעבען אַ בעזונדערע דעקאָראַטיווקייט די ספּאָרט־אַרויסטרעטונגען. ווען מען געהמט נאָך אין אכט, אַז אין די איבונגען וועלען זיך בע־טייליגען ביז 300 ספּאָרטלער איז קלאָר, אַז דער 6־טער יולי וועט זיין אַן׳אמת׳ער יום־טוב פאַר אַלע ליבהאָבער פון ספּאָרט און פריינד פון פיזי־שער ערציהונג.

מעלדונגען

אכטונג, פריזיער־אַרבייטער.

דאָנערשטאָג, ד. 27 יוני 1929 פּינקטליך 8 אַ זייגער אין אָוונד קומט פאָר אין פּעראיינס לאָקאַל פּיעטרקאָווער 79 אַ וויכטיגע פאַך־בעראַ־טונג נאָר פון מיטגלידער. צוליב דער וויכטיגקייט דאַרף קיינער נישט פעהלען.

מיט אכטונג — די פערוואַלטונג.

אכטונג ציוניסטישע יוגענד!

אין צוזאַמענהאַנג מיט די קאָנגרעס־וואַהלען וועלכע קומען פאָר אין אונזער שטאָט דעם זונ־טאָג 30 יוני, ווערען אַלע מיטגלידער פון התאחדות גורדוניה „השומר הצעיר“ „עבודה“ ווי בכלל די גאַנצע ציוניסטישע חלוצישע פאָלקס־יוגענד אויסגעפאָדערט זיך צו מעלדען אין וואַהל־ביוראָ פון דער ציוניסטישער אַרבייטס־פּאַרטיי „התאחדות“ פעראייניגט מיט „השומר הצעיר“ דאָס וואַהל־ביוראָ צו די וואַהלען פון 16. ציוניסטישען קאָנגרעס — געפינט זיך אין „התאחדות“ שענקע־וויטשאַ 5—3. און איז טעטיג טעגליך פון 7—10 אָוו. ציוניסטישע חלוצישע יוגענד! שטימט און אַגיטירט פאַר אייער ליסטע נומ. 5.

מעלדעט זיך מאַסענווייז. .8116

„דאס לעבען און די צוקונפט פון דער פרוי“
פילם וועגען היגיענע פון פרויען־קערפּער און ווענערישע קראַנקהייטען / אַלקאָהאָליזם
קירצליך אין „קאַפּיטאָל“

אויפגאבען פון 16 ציוניסטישען קאנגרעס

(אינטערוויוען ספעציעל פאר'ן „נייעם פאלקסבלאט")

משה העלמאן (מזרחי)

— ווען שוין דער ערשטער קאנגרעס האט אין די רייהען פון די דעמאלסדיגע חובבי-ציון ווי אויך אין די הערצער פון די יודען, וועלכע האבען עס אידעאליזירט אלס ארץ הקדושה — ארויסגערופען געוויסע ספקות, צי דער באזעלער פראגראם, איז דער ריכטיגער וועג צו דער שאפונג פון דער יודישער היים, האט די באלפור-דעקלעראציע בעוויזען, אז מיט דער ארץ-ישראל-פראגע איז ענג פערבינדען די פראגע פון יודישען פאלק. אין ביידע פראבלעמען קאנען אין פאזיטיווען זין געלעזט ווערען, אויב דאס יודישע פאלק וועט וועלען זיך אנשטרענגען דורך בילדען א מעהר-היים אין דעם זיך אויפבויענדען ארץ-ישראל.

דער 16 טער ציוניסטישער קאנגרעס, וועלכער איז דער ערב-אגענץ-קאנגרעס, רופט אייגענטליך ארויס נישט וועהניגער ספקות ביי די אלטע ציונים, ווי פאר דעם ערשטען קאנגרעס, וועלכע זעהען אפשר א געוויסע אפווייכונג פון דער ריין-ציוניסטישער אידעאלאגיע, אפזאגענדיג זיך פרייוויליג מיט 50 פראצענט פון איהרע רעכט לטובת דער יודישער אגענץ, דערפאר אבער פאלען אוועק אלע שטערונגען צו דעם שנעלערען טעמפא פון ארץ-ישראל-אויפבוי אלס א יודישע היים פאר דעם יודישען פאלק, וועלכער איז סוף-כל-סוף דער ציל פון באזעלער פראגראם.

אויף דעם 16-טען ציונ. קאנגרעס וועלען בעקאנט ווערען די יסודות פון דער אפמאכונג מצד דער ציוניסטישער לייטונג מיט די פערטרעטער פון דער אגענץ, די אפמאכונגען זענען אין א געוויסען זין פרייוויליגע און וועלען זיכערליך נישט אויפגעפאסט ווערען אלס א שטענדיגער סטאטוט, און וועט אויף דעם קאנגרעס, ביי גרויסע ויכוחים, מיט קליינע ענדערונגען, אנגענומען ווערען.

דער „מזרחי" שטעהט אין א פאזיטיווער בעציהונג צו דער יודישער אגענץ, ווייל נאך אויף דעם 13. קאנגרעס האט דער „מזרחי" געשטעלט דעם פארשלאג צו בעשליסען צונויפצורופען א אלוועלטליכען יודישען קאנגרעס פאר דער ארץ-ישראל-אויפבוי. און זעהט דעריבער אין דער נישטאנדגעקומענער „אגענץ" דעם ערשטען עטאפ אויף דעם וועג, וועלכער וועט פיהרען צו דעם אלוועלטליכען יודישען קאנגרעס ווייל דאס דרינגט ארויס פון דער מהות פון „מזרחי" אלס רעליגיעז נאציאנאלע זעלבסשטענדיגע ארגאניזאציע, וועלכע פאסט אויף דאס פראבלעם פון בנין הארץ אין ענגען צוזאמענהאנג מיט דעם פרינציפ פון כלילות ישראל, גלויבענדיג אין דעם נצחיות של עם-ישראל, בארץ-ישראל.

דער „מזרחי" ווערט אפשר לעת-עתה נישט פיל פערלייכטערט אין זיינע אויפגאבען פון בנין הארץ ע"פי רוח התורה דורך דער שאפונג פון דער „יודישער אגענץ". ער איז אבער פעסט איבערצייגט, אז דורך דעם וועג פון דער יודישער אגענץ, וועט מען שנעל קומען צו דעם אלוועלטליכען יודישען קאנגרעס, אין וועלכען עס וועלען האפענטליך זיך בעטייליגען אלע איבריגע רעליגיעזע גרופירונגען און צוזאמען מיט דעם „מזרחי" אויפבויען ארץ-ישראל עפ"י רוח התורה.

לאוניק אלעקסאנדער יאעל

דער איצטיגער קאנגרעס קומט זיך צוזאמען אונטער'ן צייכען פון אנ'אויפשוואונג אין ציוניזם — א פאליטישען און א ווירטשאפטליכען. דער שווערער קריזיס, וועלכען ס'האט איבערגעלעבט א"י אין די לעצטע 3 יאהר, איז שוין פאריבער. ווי אין יעדער בעוועגונג, זענען אזעלכע קריזיסען אונפערמיידליך, הגם מ'קען זיי אמאל אפילו פאראויסזעהען. דער ווירטשאפטליכער קריזיס אין א"י האט אבער ביי א סך דירעקט-פעראינטערעסירטע, ווי אויך אפילו ביים ברייטען עולם, ארויסגערופען א געוויסע אפהענגיגקייט און אפמאטערונג און אויף מענשען אהן א פערספעקטיוו אויף מארגען, וואס לעבען נאר מיט'ן טאג און רעאגירען דירעקט אויף זיינע ערשיינונגען, געמאכט זעהר א שווערען רושם.

איצט זענען מיר שוין אריבער דעם שווערען פעריאד. קיין ארבייטסלאזיגקייט אין א"י איז שוין נישטא, די עקאנאמישע לאגע בעסערט זיך און פערספעקטיווען שטעהן פאר זעהר גוטע. אויך די פאליטישע קאניונקטור איז איצט געווארען א סך בעסערע. שוין אפגערעדט פון דעם, וואס מיר האבען פאר דער לעצטער צייט אין אלע לענדער בעקומען זעהר פיל פריינד צווישען די מאסגעבענדע פאקטארען פון דער וועלט-פאליטיק. איז איצט אין ענגלאנד געקומען צום רודער די ארבייטער-פארטיי, וואס איהרע פיהרער זענען בעקאנט אלס אויסגעשפראכענע פריינד פון אונזער אויפבוי-ווערק אין א"י.

די אונטערהאנדלונגען, וועלכע פראפ. וויצמאן האט אין פערלויף פון 6 יאהר צייט געפירט מיט דער גרופע אמעריקאנער, נישט-ציוניסטען, האבען זיך ענדליך פערענדיגט מיט אנ'אפמאך וועגען פערברייטערן די יודישע אגענץ און אויף אזא אופן וועלען צו דער אויפבוי-ארבייט פאר א"י קענען צוגעצויגען ווערען כתם יודען, יודען נישט ציוניסטען, וועלכע האבען אין דער לעצטער צייט בעקומען אנ'אינטערעס פאר'ן אויפבוי פון א"י, בפרט ווען דער דאזיגער ענין האט אויסגעהערט צו זיין א סטאלעטשער, א פרינציפיעלער און האט אנגענומען א לבוש פון א טאג-טעגליכער גרויער ארבייט.

אט די דאזיגע פראגע וועגען פערברייטערן די יודישע אגענץ און צוציהען אלע יודען צום א"י-אויפבוי דארף עס בעשטימען דער איצטיגער קאנגרעס. אין די ציוניסטישע רייהען זענען פערהאנען געוויסע געגנער פון דעם פראיעקט. די געגנערשאפט נעמט זיך ביי א טייל צוליב'ן אונצוטרוי, וועלכען זיי האבען צו די נישט-ציוניסטען. דער דאזיגער אונצוטרוי איז אבער נישט בעגרינדעט. די רעפרעזענטאנטען פון די נישט-ציוניסטען בפרט פון די אמעריקאנער — לואי מארשאל, פעליקס ווארבורג און אנד. — האבען מיט זייער גאנצער טעטיגקייט ארויסגעוויזען זייער טיפען אינטערעס פאר'ן יודישען לעבען און אויב זיי זענען פאליטיש נאך נישט קיין ציוניסטען, ווי מיר פערשטעהען עס, וועלען זיי אין זייער טעטיגקייט פאר א"י ווערען ציוניסטען.

אזא קראפט בעזיצט שוין א"י, אז ווער עס דערזעהט דאס לאנד ווערט זיין אויפריכטיגער פריינד. דאסזעלבע וועט אויך געשעהען מיט די איצטיגע נישט-ציוניסטען ווען זיי וועלען זיך נעהנטער צוזאמענטרעפען מיט די א"י פראבלעמען.

פאר די יודישע האנדווערקער, ווי בכלל פאר די מענשען פון מיטעלשטאנד, וואס זייער געגענווארט און צוקונפט איז פערבינדען מיט א"י, איז די פראגע פון ערשטער וויכטיגקייט דאס שאפען פון א ברייטער מעגליכקייט פאר אנ'אקטיווער א"י-ארבייט, און זיי וועלען זיך דערפאר מיט'ן גאנצען איינפלוס און אייפער אנשליסען צו דער גרופע פון די אלגעמיינע ציוניסטען, וועלכע שטיצט דעם פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פראפ. חיים וויצמאן און זיינע בעמיהונגען צו פערברייטערן די ראמען און מעגליכקייטען פאר א שנעלען אויפבוי פון א יודישען ארץ-ישראל.

וויכטיגע ענדערונגען אין נייעם קאדעקס פון דער שטראף-פראצעדור

די ערשטע וויכטיגע ענדערונג, וואס דער נייער קאדעקס פיהרט אריין אין אונזער שטראף-פראצעדור איז דער פרט, לויט וועמענס איניציאטיוו דאס געריכט הויבט אן צו פערפיהרען א פראצעס.

לויט'ן פונקט 4 ארטיקעל 42 פון ביז איצט פערפליכטענדען אוסטאוו איז דאס פרידענס-געריכט געווען בערעכטיגט אנצוהויבען א פראצעס אויף דירעקט, לויט אייגענער איניציאטיוו, קוים האט עס אליין זיך אויף אזא אדער אנדערען אופן אנגעשטויסען אויף א געוויסען פערברעך.

דער נייער קאדעקס מאדעפיצירט דאס דערמאנטע געזעץ אין דעם זין, דאס די קאמפעטענץ פון געריכט ווערט בעדייטענד פערשמעלערט, אפנעמענדיג ביי איהם די פריווילעגיע אייגענוויליג וועמען צוציהען צו דער שטראפליכער פעראנטווארטליכקייט.

לויט'ן טייל 1 ארט. 2 וועט דאס געריכט קאנען אונטערנעהמען א פערהאנדלונג נאר לויט א בפירוש'ן פערלאנג פון א געזעצליכען אנקלאגער און דאס איז אלץ איינס, צי עס גייט וועגען א פריוואטען בע'עולה'טן פערזאן אדער וועגען א געריכטס-מאכט, פראקוראטור-אמט, אויספארשונגס ריכטער, פאליציי, פונקציאנעל אנדערע אדמיניסטראטיווע ארגאנען; אליין, לויט'ן אייגענעם ווילען און איינזעהן האט דאס געריכט אלזא שוין מעהר קיין רעכט נישט צו פערפיהרען א פראצעס.

א געוויסע קלארקייט ברענגט דעסגלייכען דער נייער קאדעקס אויך אריין אין פרט פון פעסטשטעלען די קאמפעטענץ פון די שטעטישע געריכטען.

די ביזהעריגע אזוי-גערופענע איבערגאנגס-פארשריפטען צום אוסטאוו פון דער שטראף-פראצעדור, וועלכע בעשטימען געוועהנליך די קאמפעטענץ פון די אלגעמיינע געריכטען אין זייערע בעזונדערע אינסטאנצען, צייכנען נישט אן קיין גענויע גרעניצען, וואו ס'הייבט זיך אן און וואו ס'ענדיגט זיך אייגענטליך די בערופענקייט פון די אמאליגע פרידענס (właściwść) אין איצטיגע שטעטישע געריכטען.

דער ארטיקעל 2 פון דעקרעט פון 18 אויגוסט 1917 צוזאמען מיט אלע שפעטערדיגע ענדערונגען רעכנען אויס א גאנצע רייה פערברעך-קוואליפיקאציעס, וועלכע אונטערליגען דער קאמפעטענץ פון אט די פרידענס אדער שטעטישע געריכטען; זיי זענען אבער אזוי נישט קלאהר צוגעשניטען, ענטהאלט אזוי פיל פארבעהאלטען און אויסנאמען, אז אפילו א גאר רוטינירטער יוריסט קאן זיך אויך נישט אלעמאל געהעריג פונאנדערקלויבען אויף דעם געביט.

ערשט מיט'ן ארייננעמען אין נייעם קאדעקס פון דער שטראף-פראצעדור דעם פונקט 1 ארטיקעל 15, וועלכער זאגט קורץ און שארף, אז אלע פערברעכענס, פאר וועלכע דער שטראף-קאדעקס זעהט פאר א שטראף ביז 2 יאהר תפיסה עווענטועל אנ'ענטשפרעכענדע געלד-שטראף אדער דאס אנווענדען ביידע שטראף-סאנקציעס גלייכצייטיג, אינטערליגען דער קאמפעטענץ פון די שטעטישע געריכטען מיט'ן אויסנאהם פון די פראצעסען וועגען בערעדען אין דרוק (פרעסע-רכילות), וועגען פערגוואלדען דאס אויטאר-רעכט און די פארשריפטען וועגען פאטענטען אויף ערפינדונגען, מוסטערן און עטיקעטען, וועלכע אונטערליגען פונדעסטוועגען דער קאמפעטענץ פון די קרייז-געריכטען. נישט קוקענדיג דערויף, וואס פאר די אלע אויסגערעכנטע פערברעכענס דראהט נישט קיין הארבערע שטראף, ווי נאר העכסטענס ביז 2 יאהר תפיסה, וועט ענדליך געמאכט ווערען א סוף צו די אייביגע אזוי גערופענע קאמפעטענץ-שטרייטען, וועלכע גייען נישט ארא פון דער טאג-ארדנונג פון די געריכטס-פערהאנדלונגען אין די פערשידענע אינסטאנצען.

די דאזיגע אזוי קלארע פארמולירונג פון דער קאמפעטענץ פון די שטעטישע געריכטען בעטראכט די זאכלאגע נאר אין אזוי גערופענעם אבּיעקטיוון היגזיכט (Właściwość przedmiotowa).

דער נייער קאדעקס פון דער שטראף-פראצעדור בעהאנדעלט דעסגלייכען זעהר אויספיהרליך דעם ענין פון קאמפעטענץ פון דער אדער אנדערער אלגעמיינער געריכטס-אינסטאנץ, ארויסגעהענדיג פון שטאנדפונקט פון ארט פון בעגאנגענעם פערברעך.

אין דעם פרט איז בעזונדער וויכטיג צו דערמאנען דעם ארטיקעל 37, לויט וועלכען יעדער העכערע געריכטס-אינסטאנץ איז בערופען איבערצוטראגען א פראצעס פון א געריכט, אין ראיאן פון וועלכען דאס פערברעך איז בעגאנגען געווארען, דער ענטדעקט געווארען אין א געריכט פון אנ'אנדערען ראיאן, אויפ'ן שטח פון וועלכען ס'וואוינט דער רוב עדות, ווי באלד דער אמטירונגס-לאקאל פון אייגענליכע-קאמפעטענטען געריכט און דאס רעכטליכע וואוינארט פון דער מעהרהייט עדות טיילט אפ א ווייטערער מהלך.

י. אינפעלד.

א גאנץ לאנד האלט מלחמה געגען האזען

אין אויסטראליען קומט איצט פאר א מלחמה געגען האזען. פארהאן לענדער וואס ליידען פון היישריקען, פון פליגען, פון מאסקיטאס. אויסטראליען אבער ליידעט פון האזען. איבער'ן לאנד פלאדיען זיך טויזענדער ווילדע האזען, וואס טוען אן גרויסע שאדענס אויף די פארמס, הויפטזעכליך אויף די פיה-פארמס. דעריבער מאכט מען דארטען יעדעס יאהר, אין אנהויב פון דעם זומער, א גרויסע, א נאציאנאלען גרייעג, געגען די האזען-מחנות. דאס לאנד גרייט ארויס בעוואפענט געגען דעם שפרינגענדיגען, שנעל-פיסיגען שונא. פרויען און קינדער בעטייליגען זיך אויך אין דעם דאזיגען קריג.

מען קעמפט געגען די האזען מיט פערשידענע מיטלען. מען כאפט זיי מיט אלערליי נעצען; מען פער'סמ'ט זיי אין די הונדערטער; מען „ברענט זיי אויס" מיט גיפטיגע גאזען; מען צושטערט זייערע נעסטען.

הונדערטער יעגער גרייען ארום און זיי צולעגען שמאטעס, איינגעטונקט אין גיפט, ביי די נארעס פון די חיה'לעך. אפט ווערט א שטיק וואלד ארומגעצוימט צוליב דעם — די האזען זאלען פון דעם גיפט נישט קענען אנטרינען ווערען. אין א פאר טעג ארום געהט מען אריין אין וועלדעל און מען געפינט דארטען גאנצע בערג מיט טויטע האזען.

מען ווערט פטור פון די האזען, אבער נישט פון זייערע פעלען. מיט די האזישע פעלען געהט אן א גאנץ גרויסער האנדעל.

פארמערס האבען אויך מיט זיך אזוינע שטארקע שפריצערס, מיט וועלכע זיי שפריצען אריין גיפטיגע פליסיגקייטען אין די נארעס פון די האזען.

די האזען היטען זיך אבער, זיי ווייסען שוין, אז מען יאגט זיי, און זיי זוכען זיך צו ראטעווען. שפייזען, עסענס, וואס מען האט פערגיפטעט און צושטעלט אין די וועלדער, זענען פון די האזען נישט אנגעריהרט געווארען. דאן האט מען צוגעטראכט אזא שפיצעל: פאר א פאר טעג צייט צולעגט מען עסענווארג אהן גיפט. די האזען זענען דאך נישט קיין גרויסע חכמים, און זיי עסען דאס מיט גרויס אפעטיט. אויף דעם דריטען טאג לעגט מען שוין אוועק פערגיפטעטע עסענווארג און מאסען האזען ווערען אויף אזא אופן שוין ארייגעגארט.

בעשלוסען פון קאנגרעס

פאר'ן ארבייטענדען ארץ-ישראל

מאנטאג 12 ביינאכט האט אין ווארשא אין קאמינסקי'ס טעאטער געזאלט פארקומען די פארטזעצונג פון דער קאנפערענץ פון ארבייטענדען ארץ ישראל, די דאזיגע פארטזעצונג איז אבער פארגעקומען ערשט היינט אינדערפריה, ווייל די דערלויבעניש האט זיך געהאט אויסגעלאזט און מען האט זי היינט געמוזט בענייען.

עס איז בעשלאסען געווארען צו שאפען א ראט פון 28 פערזאן און אנ'עקזעקוטיוו פון 12 פערזאן, אין וועלכע עס וועלען אריין פארשטעהער פון אלע ריכטונגען.

עס איז אויך בעשלאסען געווארען צונויפצורופען א וועלט-קאנגרעס פון ארבייטענדיגען ארץ ישראל באלד נאך דעם אלגעמיינעם ציוניסטישען קאנגרעס — אין א שכנות'דיג לאנד פון פוילען; ארויסלאזען א מאניפעסט צו יודישע ארבייטער פון דער גאר'ער וועלט וועגען צושטעהען צו די ליגעס פון דעם ארבייטענדען ארץ-ישראל; אויסדריקען א פראטעסט געגען די רדיפות אויף די חלוצים אין רוסלאנד; ארויסשיקען א בעגריסונג צו מאקדאנאלד'ס רעגירונג און אויפפאדערען זי צו פערווירקליכען דעם פאלעסטינער מאנדאט.

Dr. med. J. Lubicz
ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 41-46
קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען,
פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער.
אייגענע פ"אצאווניע פון זעטשליכע ארטאפעדישע אפאראטען, ווי: וואקלאדקעס אויף פלאטפוסען, קונסטליכע פיס, גארסעטען א. ז. וו. עמפפאנגט פון 5—7 אוו
צוריקגעקעהרט.

א שוידערליכער שפיל מיט א יודישען היימלאזען

עטליכע מאָל ווערט ער געטריבען פון איין גרעניץ צו דער אַנדערער — קיינער וויל איהם נישט שענקען קיין שטיקעל פלאַץ — און ער וואַנדערט ווייטער אהן א ציל און אהן אַ האָפנונג

אַברהם איוזמאַן, אַ רוסישער יוד, האָט אין יאָהר 1902 זיך אַריבערגעצויגען קיין בודאַפעשט. דאָרט האָט ער געהאַט קינדער, געשעפטען, קרובים פריינד און בעקאַנטע און ער האָט זיך אַ גאַנצען געפיהלט אַלס אונגאַרישער בירגער.

נאָך איין־און־צוואַנציג יאָהר, אין יאָהר 1923 געפינט די אונגאַרישע פּאָליציי, אַז דער אַלטער מאַן איז נישט קיין אונגאַרישער בירגער און ווייזט איהם אויס פון לאַנד. פאַר'ן אומגליקליכען פאָטער איז דאָס געווען ווי אַ דונער פון שעהנעם הימעל. 21 יאָהר וואוינט ער אין לאַנד, צאָהלט שטייערן, טראָגט אויף זיינע פּלייצעס אַ חלק פון'ם מלוכה־עול, האָט זיך שוין פערוואָרצעלט אין'ם באָדען און איצט מוז ער זיך געהען זוכען אַ נייע היים! דער אומגליקליכער פאָטער מוז פערלאָזען זיין משפחה, זיין פרנסה און אויסוואַנדערן קיין פראַנקפורט.

מיט פינף יאָהר שפּעטער, דערמאָהנט זיך די בודאַפעשטער פּאָליציי, אַז דער אַלטער איוזמאַן האָט נאָך אַ זוהן אין עלטער פון צוויי און צוואַנציג יאָהר און פערלאַנגט פון איהם נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי אַ פערפליכטונג צו 6־יעהריגען מיליטער־דינסט. די חוצפּה פון דער פאָדערונג ווערט קלאָר פון דער טאַטזאַך, אַז אין אונגאַרן איז ווי אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך די אַלגעמיינע מיליטער־פליכט שוין לאַנג אָפּגעשאַפט און לויט'ן געזעץ קען מען קיינעם נישט צווינגען צו געהען אין מיליטער.

דער יונגער, שוואַכער און קרענקליכער אַרנאָלד איוזמאַן ווייסט, אַז 6 יאָהר מיליטער־דינסט צווישען אַנטיסעמיטישע זעלנער בעטייט פאַר איהם אַ זיכערען אונטערגאַנג און בערופענדיג זיך אויפ'ן געזעץ זאָגט ער זיך אָפּ פון דער טובה. דערפאַר ווערט ער תיכּף איינגעזעצט און אָפּגע־אַלטען אין תּפיסה 6 חדשים. ענדליך ווערט ער אַ־ויסגעלאָזט אויף דער פריי מיט'ן בעפעהל צו פערלאָזען בודאַ־פעשט און ביז 48 שעה נישט מעהר צו זיין אין אונגאַרן.

אָהן געלד, אָהן מוט און אָהן כּוחות האָט דער שוואַכער בחור מורא אונטערצונעהמען אַזאַ שריט, און נאָך איידער די 48 שעה זענען פערגאַנגען ווערט ער ווידער אַ־עסטירט פאַר „פערבאָטענעם צוריק־קומען". 15 טעג זיצט ער אָפּ אַ שטראָף און דערנאָך פיהרען איהם אונגאַ־ישע קרימינאַל פּאָליציאַנטען אין אַ פינסטערער און נאַסער נאַכט צו דער אונגאַריש - טשעכישער גרעניץ און ווייזען איהם דעם וועג איבער דער גרעניץ! פון מאַ־יאַרישע שפּיזען געטריבען, לויפט דער אומגליקליכער בחור וואו־הין די פיס טראָגען איהם, ביז טשעכישע גרעניץ־זעלנער האָבען איהם אָפּגעשטעלט און בעשטראָפט מיט 5 טעג אַ־עסט פאַר וועלען אַריבער'גנב'ענען די גרעניץ.

נאָכ'ן אָפּזיצען די שטראָף ווייזט מען איהם די עסטרייכישע גרעניץ און טשעכישע רעוואָלווע־רען טרייבען איהם אין דער ריכטונג פון וויען.

מיט פערשוואָלענע פיס לויפט ער אָפּ 12 קי־לאָמעטער ביז... ער פאַלט אַריין אין די הענד פון די עסטרייכישע וואַך־בעאַמטע. פינף וואָכען זיצט ער אין עסטרייכישען געפענגעניש און דערוויל פיה־רען זיך פערהאַנדלונגען צווישען עסטרייך און אונ־גאַרן וועגען דעם איבריגען אַרנאָלד איוזמאַן. עסט־רייך וויל איהם נישט האַלטען און אונגאַרן וויל איהם נישט אַריינעהמען. קיינער דאַרף איהם נישט!

(קאָרעספּאָנדענץ פון וויען)

אַנ'איבעריגער מענש איז ער, און קיין פיצעל פלאַץ איז פאַר איהם נישט פערהאַנען. אָבער עסטרייכישע פּאָליציי גיט זיך אַנ'עצה: אין אַ טונקעלער נאַכט ווערט ער אָפּקאָמאַנדירט צו דער אונגאַרישער גרע־ניץ מיט'ן בעפעהל „געהן"!

אין וויען ווערט ער אַ־עסטירט און בעשטראָפט. דערוויל נעהמען זיך מענשען פאַר איהם אָן, און אַ ווינער אַדוואָקאַט אַרבייט פאַר איהם אויס רייזע־דאָקומענטען. עס פערגעהען וואכען, עס פער־געהען חדשים — איוזמאַן זיצט אַלץ נאָך אין תּפיסה און פון די רייזע - פּאַפּירען, וואָס זאָלען איהם ענדליך בעפרייען פון דער הפקר־קללה, וואָס זאָלען איהם מאַכען פאַר אַמענש גלייך מיט אַלע מענשען הערט מען נישט און מען זעהט נישט.

דער צושטאַנד פון איביגען וואַרטען, פון פסדר'דיגען שמאַכטען אין געפענגעניש פאַר אומ־זיסט און אומנישט, פאַר וועלען ד' אַמות אויסצורו־העו די מידע ביינער און אַביסעל לופט אַריינצו־אָטעמען אין די קראַנקע לונגען, אָט דער צושטאַנד ווערט איהם אומדערטרעגליך. אַ בעאַמטער, וועל־כען ער בעט אַנ'עצה זאָגט איהם, אַז דאָס אַרויס־בעקומען פון דאָקומענטען קען נאָך דויערן חדשים און אַפילו יאָהרען, און אויב ער וויל בעפרייט ווע־רען, מוז ער צוריקציהען זיין געזוך וועגען רייזע־דאָקומענטען.

איוזמאַן, קראַנק, שוואַך, ווילענלאָז און פער־מאַטערט לאָזט זיך איבערעדען און ציהט צוריק זיין געזוך וועגען דאָקומענטען, אַבי מען זאָל איהם אַרויסלאָזען אַביסעל לופט שעפּען, אַביסעל פריי זיך בעוועגען. ווידער בעקומען איהם די זשאַנדאַר־מען אין זייערע נעגעל און פיהרען איהם צו דער אונגאַרישער גרעניץ. אין אַ קאַלטער נאַכט לאָזט מען איהם אָפּ און די טויטע שטימע פון פערשטיי־נערטען געזעץ הייסט איהם אַקעגענלויפען די אונג־גאַרישע כאַפּערס. צום פיהרטען מאָל שלעפּען איהם אונגאַרישע זשאַנדאַרען אין זייער יודען־שנאה לאָ־זען זיי אויס צום אומגליקליכסטען פון אַלע בעשעפענישען. מען פּאַטשט איהם גוט אָן און — ווי קאָן עס דען אַנדערש זיין? — מען יאָגט איהם צוריק קיין עסטרייך.

די עסטרייכער נעהמען זייער געפאַנגענעם און פיהרען איהם אין קליינעם גרעניץ־שטעטעל ניי־קאָלסדאָרף, דאָרט האָבען אַפילו די זשאַנדאַרען רחמנות אויף איהם און לאָזען איהם איבערנעכטי־גען אין דער וואַך־שטוב, אָנשטאָט צו געבען איהם אין תּפיסה. דאָס רחמנות האַלט אָבער נאָר אָן ביז אינדערפריה. גלייך ווי עס ווערט טאָג איז ער שוין ווידער דער געכאַפּטער „גרעניץ שמוגלער". ער ווערט ווידער געשטעלט פאַר'ן געריכט און ווידער בעשטראָפט מיט 4 טעג אַרעסט.

ביים בעגרינדען פונ'ם אורטייל זאָגט דער ריכ־טער אַרויס אַ פּאָר ווערטער, וואָס זענען כּדאַי אַז זיי זאָלען פערצייכענט ווערען לדורות:

„אַלס מענש, גיב איך צו, אַז איהר, אַרנאָלד איוזמאַן, זענט גערעכט, אָבער אַלס ריכטער קען איך עס נישט טון, אַמבעסטען וואָלט געווען, איהר זאָלט זיך קויפען אַ געצעלט און עס אויפשטעלען אינ'ם פרייען געביט צווישען דער עסטרייכישער און אונגאַרישער גרעניץ".

אַזוי האָט געזאָגט דער ריכטער, אינ'ם יאָהר 1929.

נאָכ'ן אָפּזיצען די שטראָף ווערט ער ווידער איבערגעגעבען דער קרימינאַל־פּאָליציי, זי זאָל איהם ווידער ברענגען צו דער אונגאַרישער גרעניץ און דאָס שפּיל אויפסניי אָנצוהויבען. אַרנאָלד, די סענדיג פון פאַראַויס זיין גורל, הויבט אָן צו וויינען און בעטען רחמים מען זאָל איהם נישט טרייבען אין די אכזריות'דיגע אָרעמס פון די מאַדיאַרען.

די טרעהרען האָבען געווירקט, דאָס געוויין פון אַ 22־יעהריגען האָט אַפילו די פערשטיינערטע הער־צער פון די עסטרייכישע זשאַנדאַרמען גערירט און מען שטעלט איהם אויס אַ צוואַנגס־פּאַס מיט וועלכען ער מוז אין דרייַ נאָהנסטער צייט פערלאָזען עסטרייך.

אַרנאָלד איוזמאַן האָט זיך עטליכע טעג אַרומגעדרעהט אין וויען און געפּרובט אַרויסצובעקומען אַ אויפענטהאַלט־בעוויליגונג, מען האָט זי איהם אָבער נישט געגעבען און ער האָט געמוזט פערלאָזען עסטרייך.

און דאָס שוידערליכע שפּיל הויבט זיך ווידער אָן פון פאָרענט.

ש. דרעקסלער.

50 יאָר זינט עדיסאָן האָט ערפונדען זיין 1־טען עלעקטרישען לאָמפּ

ווי אַזוי ער האָט געמאַכט זיין ערפינדונג — עדיסאָן איז אויסגעשטאַנען אַ סך צרות איידער מ'האָט איהם אַנערקענט — אינטערעסאַנטע פאַקטען

עס ווערט פופציג יאָהר זייט דער אַמעריקאַנער ערפינדער טאָמאַס עדיסאָן האָט ערפינ־דען זיין עלעקטרישען לאָמפּ. עדיסאָן איז דער וואָס האָט ערפונדען דעם עלעקטרישען „קנויט", וואָס ברענט און ברענט און ברענט זיך נישט אויס. אַזוי אַ קנויט ברענט אויס צוזאַמען מיט דעם קע־ראָסין אָדער צוזאַמען מיט דעם ליכט. אָבער דער עלעקטרישער „קנויט", וואָס ליגט אין גלעזעל ברענט און ברענט זעהר אַ לאַנגע צייט.

די דאָזיגע ערפינדונג האָט דעם מענשען גע־בראַכט אַ „נר־תמיד", אַנ'אייביגע ליכט. די דאָזיגע ערפינדונג האָט געבראַכט דעם מענשען זעהר פיל נוצען אי אַלע לענדער.

עדיסאָן האָט ערפינדען זיין עלעקטרישען לאָמפּ אין יאָהר 1879. זייט דאַן האָט דער דאָזיגער לעמפּעל בעהערשט די גאַנצע וועלט. דאָס איז געוואָרען אַ געוואַלדיגע אינדוסטריע אויף מיליאָנען דאָלאַרס. פאַר דעם עלעקטרישען לאָמפּ האָט עדי־סאָן ערפונדען דעם פאָנאָגראַף. אויך זיין ערשטע ער־פינדונג איז אַ געוואַלדיגער אויפטו. עס איז אָבער דאָ אַ גרויסער אונטערשיד צווישען זיין ערשטער ערפינדונג און זיין צווייטער.

די ערשטע, דער פאָנאָגראַף, איז מעהרסטענס אַ זאַך פאַר דער מענשליכער אַמוזירונג, פאַר פער־גניגען. די צווייטע ערפינדונג, דער עלעקטרישער לאָמפּ, **איז** מעהרסטענס אַ זאַך פאַר דעם מענשליכען נוצען. **עס איז** זיך שווער פאָרצושטעלען ווי דער מענש וואָלט היינט אויסגעקומען אָהן עלעקטריק.

עדיסאָן איז איצט 83 יאָהר אַלט, ער איז איינער פון די ווייניג גליקליכע ערפינדער, וועלכער האָט דערלעבט צו זעהן, ווי אַזוי זיינע ערפינדו־נגען זענען אַריינגעפּאַסט געוואָרען אין דעם לעבען.

מיט איבער פופציג יאָהר צוריק איז גע־ווען פינסטער. ווען עס פלעגט קומען די נאַכט פלעגט אין די גאַסען פון די שטעט זיין טונקעל. מען פלעגט נוצען גאַז־לאָמפּען. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ ווייטערער פאָרטשריט אין דער בעלייכ־טונג, אָבער צופיל ליכטיגקייט האָבען זיי נישט געבראַכט.

אינטערעסאַנט איז, אַז אין יענער צייט, ווען מען האָט נאָך גענוצט די גאַז־לאָמפּען אין די גאַסען, האָבען זיך געהערט שטאַרקע שטימען געגען דעם אַז מען זאָל גאַסען ליכטיג מאַכען ביינאַכט גל־חים האָבען גע'טענה'ט, אַז ווען עס וועט זיין ליכ־טיג וועלען מענשען אַרומגעה'ן שפּעט אין די גאַ־סען און וועלען זינדיגען... (נאַראָנים, זיי האָבען אפנים געמיינט, אַז אין דער פינסטער קען מען נישט זינדיגען).

דאָקטוירים זענען געווען אויך געגען דעם, אַז מען זאָל ליכטיג מאַכען די גאַסען ביינאַכט. זיי האָבען געזאָגט, אַז די נאַכטיגע לופט איז נישט צו גוט פאַר דעם מענשען און ווען מען וועט אַרומגעהן צו שפּעט אין די גאַסען, וועט גרעסער ווערען די פערשפּרייטונג פון קראַנקהייטען.

אויך ריכטער האָבען זיך אַ־ויסגעזאָגט געגען ליכטיגע לאָמפּען אין די גאַסען. ביי זיי איז אויסגעקומען, אַז ווען עס וועט זיין ליכטיג, וועלען פאָרקומען מעהר פערברעכענס. די געגנערשאַפט צו די לאָמפּען האָט זיך אָבער אַמ'מעהרסטענס גענומען פון איין גרונט: עס זענען דאָ מענשען, וואָס האָבען שטענדיג מורא פאַר נייע זאַכען.

אימיצער האָט זיך אמאָל אויסגעדריקט, אַז מיט עדיסאָנ'ס לאָמפּ איז אַ שטיק איבערגלויבען פערשוואונדען. מענשען האָבען זיך אויפגעהערט שרעקען פאַר דער נאַכט און אַלע לעגענדעס וועגען רוחות און שדים זענען אָפּגעטראָטען אָן אַ זייט אין דער ליכטיגער גרויסער שטאָט.

איצט איז ליכטיג. איידער אָבער עדיסאָן איז געקומען צו דעם איז איהם געגאַנגען געהן פינסטער און ביטער. ער האָט געמאַכט צעהנדליגער און צעהנדליגער עקספּערימענטען און עס איז אַלץ נישט געראָטען. עס זענען צו יענער צייט אויך געווען אַנדערע ערפינדער. וואָס האָבען פון עדיסאָנ'ען חוזק געמאַכט, פאַרוואָס ער פערבערענגט זיין צייט אויף גאָרנישט. אָבער עדיסאָן איז אַנ'עקשן. קוים זעהט ער אויף דעם ערשטען שפּור ווי אַזוי מען קען צו דער זאַך דערגרייכען וועט ער דאָס שוין נישט אַראָפּלאָזען. עדיסאָן האָט אַ גרויסע ווילענס־קראַפט און ער איז זעהר אַר־בייטס־פעהיג. אַזוי האָט ער אין איין טאָג אין יאָהר 1879 דערגרייכט דאָס צו וואָס ער האָט געשטרעבט — צום עלעקטרישען לאָמפּ. דאָס איז פּאָקטי געווען דעם 12־טען אָקטאָבער פון יענעם יאָהר.

עס האָט גענומען דריי יאָהר צייט ביז עדי־סאָן האָט אויסגעפונען די מעגליכקייט ווי אַזוי מען קען שיקען די עלעקטרישע קראַפט דורך דראָ־טען עס זאָל דערגרייכען צו דעם עלעקטרישען קנויט און עס זאָל ליכטיג ווערען.

—:::—

גאָלדענע גליקען
(ראָמאַן)

(64

זי האָט רחמים'דיג א קוק געטון אויף מיר.

— פערשטעהט איהר דען, וואָס איהר רעדט? צי ווייסט איהר נישט, אַז צווישען דער טאָכטער פון מאַגנאַט סאָלאַנאָ און אייך קאָן גאָרנישט נישט זיין?

— ניין, איך ווייס עס נישט, און פערשטעה עס נישט. איך האָב זיך דאָך אייך געשוואוירען, אַז איך בין נישט שולדיג אין דעם טויט פון איי־ער פאָטער, און איהר האָט דאָך מיר געגלויבט... איך ווייס, אַז איהר גלויבט מיר.

— יאָ, — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט, אויפ־הויבענדיג אויף מיר די אויגען — איך גלויב אייך. וואָלט איך דען אַהער געקומען, ווען איך גלויב אייך נישט? איך גלויב אייך געגען זיך אַליין, גע־גען גאַנץ סאָ־לוקא, געגען דער לאָגיק און שכל. און דערפאַר מאַקי בעמיה איך זיך צו ראַטעווען אייך פון אַנדערע!

איהרע ווערטער האָבען אָנגעפילט מיין האַרץ מיט פרייד און נצחון.

— מאַריאַ! — האָב איך אַרויסגעשמעלט — מאַריאַ!

זי האָט בעהאַלטען איהרע הענד, מורא־האָבענדיג, אַז איך וועל צו איהר צוגעהן.

— אויב אָבער איהר האָט נישט דער'הרג'עט מיין פאָטער — האָט זי פאָרטגעזעצט — ווייסט איהר דאָך אַ ודאי, ווער ס'האָט איהם דער'הרג'עט... טאָ זאָגט מיר דעם אמת.

איהר אויגען פון בעטען וואָלט געקאָנט ריהרען אַ שטיין. איך האָב אָבער געגעבען נאָמנען מיין וואָרט, און נישט געהאַט קיין דרייסטקייט איהם צו ברעכען.

צונויפזאַמלענדיג אין זיך מיין גאַנצע קראַפט און ווילען, האָב איך זיך איבערמעכטיגט און גע־זאָגט:

— גענוי ווייס איך גאָרנישט. אויב עס זענען דאָ מענשען, וואָס האַלטען מיך פאַר שולדיג, האָ־בען זיי אַ בפירוש'ן טעות. פאַרוואָס - זשע זאָלט איהר זיי נישט איבערלאָזען צו האַנדלען אַליין? איך האָב דעם איינדרוק, אַז זיי קאָנען זיך דרייסט בעגעהן אָהן אייך.

זי האָט אַ ציטער געטון, און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— ס'איז צו שפּעט. פון דער ליגע אוועקגעהן קאָן מען נישט. בעפרייען קאָן נאָר דער טויט... ווען זיי זענען געקומען צו מיר און געזאָגט, אַז איהר לעבט, און אַז זיי ווייסען, וואו מ'קאָן אייך געפינען, בין איך שיער משוגע געוואָרען פאַר פרייד. איך האָב געוואָלט אַליין מיט די אייגענע הענד זיך נוקם זיין פאַר'ן פאָטערס טויט. אין יע־נער נאַכט אָבער, ווען כ'האָב געזעסען אויף אייך האָב איך פערשטאַנען, אַז מיר פערפעהלט קראַפט. איך האָב זיי אָפּגענאַרט — געזאָגט ליגען. דעם אמת האָב איך זיי נישט בעקאָנט זאָגען, ווייל זיי וואָלטען מיר נישט געגלויבט. און איצט, ווייס איך, הויבען זיי מיך אָן חושד צו זיין.

צום ערשטען מאָל האָב איך איצט פערשטאַ־נען אַ טייל פונ'ם אמת, און איך האָב זיך פער־חידוש'ט, ווי־אַזוי האָב איך עס פריהער נישט פער־שטאַנען.

— מאַריאַ! האָב איך אַ פרעג געטון — ווער בין איך, לויט אייער מיינונג?

זי האָט געקוקט אויף מיר מיט פערוואונדע־רונג און געשוויגען.

— איהר זענט איגנאַציאָ פּ־אַדאָ! — האָט זי שטיל געזאָגט.

— שווער איך אייך ביי גאָט, אַז איך האָב מיט איהם קיין שום שייכות נישט!

עס איז ענטשטאַנען אַ פיינליך שווייגען.

מיט אַ האַסטיגער בעוועגונג האָט זי אָנגע־כאַפּט מיין האַנד און דערשראָקען אַרויסגעשעפּ־טשעט:

— ווער זשע זענט איהר? זאָגט מיר! זאָגט מיר! איך פיהל — איך ווער משוגע!

איך האָב זי אָנגענומען פאַר די הענד, און צוגעצויגען צו זיך.

— מאַריאַ, האַרץ מיינס! — האָב איך גע־שעפּטשעט, האַלטענדיג זי אין די אָרעמס, און קו־קענדיג איהר אין די אויגען — איך האָב אייך ליב, און איהר מ'זט מיר גלויבען. איהר און איך — מיר ביידע — האָבען זיך פערפּלאָנטערט אין אַ נעץ, וואָס דער טייוועל אַליין האָט פאַר אונז פונ־אַנדערגעשטעלט, און גאָט אַליין ווייסט ווען און ווי־אַזוי דאָס וועט זיך ענדיגען. הערט מיך אויס: איך שווער אייך מיט מיין ליבע צו אייך, אַז איך בין נישט איגנאַציאָ פּראַדאָ, און איך ווייס גאָר־נישט וועגען דעם טויט פון אייער פאָטער. מעהר קאָן איך אייך וועגען דעם דערוויילע גאָרנישט זאָ־גען, נאָר איהר דאַרפט מיר גלויבען, מאַריאַ... עס וועט קומען אַ טאָג, ווען איהר וועט זיך איבער־צייגען! — האָב איך פערצווייפעלט אויסגערופען, שילטענדיג אין די רעיונות נאָטאַנען.

מאַריאַ האָט זיך ווידער אָנגעלעהנט אין דער וואַנד.

— איך פיהל, אַז איהר זאָגט נישט קיין לי־גען, — האָט זי געענטפערט שטילערהייט — אָבער גאָט מיינער, איהר ווייסט דאָך גאָרנישט ס'איז מורא'דיגע סכּנה עס דראָהט אייך. גוואַרדס און אַנ־דערע האָבען צוגעשוואוירען, אַז זיי וועלען אייך דער'הרג'ענען, און זיי וועלען עס זיכער אָדורכ־פיהרען אויב איהר וועט נישט תּיכּף אוועקלויפען פון דאַנען... נישט פערשווינדען אויף שטענדיג. זיי זענען זיכער, אַז איהר זענט איגנאַציאָ פּראַדאָ. און אייער קרוב, מאָריס פריימאַן — דאָס האָט ער אייך פערראַטען — האָט דער ערשטער געהאָלפען דער ליגע אייך אויסצוגעפינען.

— יאָ, איך ווייס עס, אַז איך האָב עס צו פערדאַנקען מאָריס'ן.

— איהר מוזט, אַלזאָ, ענטלויפען! איהר הערט? ענטלויפט זשע תּיכּף... מאָמענטאַל!... אַז נישט וועלען זיי אייך דער'הרג'ענען!...

(פאָרטזעצונג קומט).

טעלעגראמען

פלאט-עסקאדרעס אויפן אקעאן זוכען די פערשוואונדענע שפאנישע פליהער

מאדריד, 25. (ספ. טעל.) אין גאנצען לאנד הערשט פערצווייפלונג צוליב'ן פערפאלען ווערען פון די שפאנישע פליהער. גענ. פרימא־רע־יוועראה האט זיך געווענדעט צו די ענגלישע און איטאליענישע רעגירונגען מיט דער ביטע צו קומען צו־הילף אויפזוכען די פערפאלענע פליהער. אן איטאליענישע לופט עסקאדרע איז שוין ארויס אין דער ריכטונג צו די אזארען־אינזלען אויפצוזוכען די פליהער. אויך אן ענגלישע קריגס־עסקאדרע איז ארויס אין ים מיט'ן זעלבען צוועק.

ניו־יארק, 52. (ספ. טעל.) די אמעריקאנער פליהער און ים־עסקאדרעס זענען ארויס אויפ'ן ים און זוכען ביי די ברעגעס פון אמעריקא די שפאנישע פליהער. צוליב דעם, וואס דער שפאנישער אעראפלאן האט געהאט בענזין נישט מעהר ווי אויף 48 שעה, רעכענט מען שוין אויף בעשטימט, דאס מיט די פליהער איז געשעהן א קאטאסטראפע.

מאדריד, 25. (ספ. טעל.) צו דעם ארט, וואו עס איז אנגעוויזען געווארען דורך א שיף, או זי האט געזעהן ליגען אויפ'ן וואסער א צעבראכענעם אעראפלאן, זענען געקומען צו פליהען 3 אעראפלאנען. זיי האבען געזוכט אין דער גאנצער געגענד אבער גארנישט געפונען.

א הייעשעריק ציהט זיך צו ארץ-ישראל

אעראפלאנען אין קאמף מיט דער דראהענדער געפאהר

אלעקסאנדריא, 25 (ספ. טעל.) פון העדושאס מעלדעט מען, אז פון דארט ציהען זיך גרויסע מחנות היישעריקען אין דער ריכטונג קיין ארץ-ישראל. עס זענען שוין אנגענומען געווארען מיטלען מיט דער הילף פון ענגלישע אעראפלאנען אפצווענדען די געפאהר פון פערניכטען די תבואות אויף די פעלדער.

גרויסער חורבן פון א שטורם-ווינד אין קאנאדא

מאנטרעאל, 25 (ספ.טעל.) דער שטורם אין קאנאדא, וואס האט געדויערט 6 שעה, האט אנגעמאכט א שאדען פון 4 און א האלבען מיליאן דאלאר. 14 מאן זענען דערהרג'עט געווארען. 120 — פערוואונדעט. פון פיל הייזער זענען אפגעריסען געווארען די דעכער און די קוימענס.

שווערער אורטייל אין גרויסען פאליטישען פראצעס

גראדנא. אין היגען קרייז-געריכט איז פערעפענטליכט געווארען דער אורטייל אין גרויסען פאליטישען פראצעס פון די 70 אנגעקלאגטע אין אנטי-מלוכה'שער טעטיגקייט.

די געביידע פון געריכט איז געווען געדיכט בעזעצט מיט פאליציי און אין זיצונגס-זאל האט מען צוגעלאזען דעם זייטיגען עולם בלויז אויף ספעציעלע „פשעפוסטקעס".

לויט'ן אורטייל, וועלכען ס'האט איבערגעלייענט דער פרעזעס ריכטער ה' מאטוסעוויטש איז דער סעקרעטאר פון קאמוניסטישען ראיאן-קאמיטעט מיקאלאי פערעוואלאצקי פער'משפט געווארען אויף 15 יאהר שווערע טורמע, וולאסאוועץ — 12 יאהר; סווערדון — 10 יאהר; די איבעריגע האבען בעקומען פון 6 ביז איין יאהר; 16 זענען געווארען פריי געשפראכען.

די 5 יודען פון פראצעס האבען בעקומען: בראמבערג — 6 יאהר; טשערנאמארעץ (וועלכער דינט אין מיליטער) — 5 יאהר; אייזענבערג און באבראוו צו 4 יאהר, און דער 16-יאהריגער קיטעלניק — 1 יאהר.

אלע בעשולדיגטע איז פערלעזען געווארען די צייט, וועלכע זיי זענען אפגעזעסען ביז'ן פראצעס. אינמיטען לייענען דעם אורטייל, האט א טייל פון די פער'משפט'ע אנגעהויבען מאכען פערשידענע אנטי-מלוכה'שע אויסרופען, ווי ביידער מיט פילסודסקי'ס פאשיסטישע רעגירונג", „נידער מיט'ן ווייסען טערארר" א. א. ו.; די וואך-פאליציאנטען האבען מיט געוואלד זיי ארויסגעפיהרט פון זאל, דערביי האבען איינינע, געפרובט שטעלען א ווידערשטאנד, און איינער האט זיך א לייג געטון אויף ד'ערד, אזוי אז די פאליציאנטען האבען זיך מיט איהם קוים געקענט אנ'עצה געבען.

אויך ווען מ'האט די פער'משפט'ע צוריקגעפיהרט אין תפיסה, האבען זיך דעם גאנצען וועג פון דער טורמע-קארעטקע געלאזט הערען פערשידענע דעמאנסטראטיווע אויסגעשרייען.

Dr. med. STUPEL

.12 Szkolna 12.

ספעציאליסט פון אויג-, אויער און ...

...

ליכט, עלעקטריזאציע

... פון 9 ביז 6 ...

„בלויע נעכט"

אין די הויפטראלען: I. A. WYLIE מעכטיגע דראמע אין 10 אקטען לויט דער בעוואוסטער ערצעהלונג פון

אין די הויפטראלען:

Imogena Robertson, Norman Kerry i Lewis Stone

BRYGIDA HELM i ALFRED ABEL :נעכסטער פראגראם: „געלד" אין די הויפטראלען

היינט און פאלגענדע טעג!

Kino Spółdzielni

Sienkiewicza 40.

אנהויב אין געוו. טעג 4 נאכמ. שבת, זונטאג און יו"ט 2 נאכמ., לעצטער סעאנס 10 אוו.

לעצטע 2 סעאנסען—אין גארטען.

אויפ'ן 1-טען סעאנס—נידריגע פרייזען.

קנה חכמה קנה בינה ואל תט מאמרי פי

אז די דארפסט ערלעדיגען סאנדאווע זאכען זאלסט דו גלייך קומען צו לויפען אין ביורא

17 פיעטריקאווער 17

52 זאכאדניא 52

אז תלך לבטח דרכך

ווייל אין ביורא ביי ה' מאנעלא ווערט געוויסענהאפט ערלעדיגט און געשריבען אלע סאנדאווע זאכען, ביטעס, קלאגזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, קארנע און ציוויל אפעלאציעס, אדוואקאניעס, אינטערצייזיעס, ספעציאליסט פון שותפות-אקטען, איבערזעצונגען אין אלע שפראכען.

מיט אכטונג

י. מאנעלא, פיעטריקאווער 17

דורכגאנג זאכאדניא 52.

„Zacisze" פענסיאנאט אין פאדעמביע—פאלעסטינקא

עמפפעהלט שעהנע גרויסע צימערן / א עכט כשר'ע און היגיענישע קוך / אנ'אייגענער סאסנאווער וואלד / א שעהנע און געבירגיגע אנלאגע / 5 מינוט פון פושיסטאנעק / ווילא לידזבארסקי. 6018

צו פערדינגען

א לאקאל, וואס איז געאייגענט אויף יעדען אייניגען געשעפט און בעשטעהט פון 1 געוועלב, 2 שטובען און קוך. עקע טראנגושקאנער 20 און אלעקסאנדרים-קא 34, ביער-שענק. 8112

Zaginiony

blanko weksel na zł. 500,— wystawca I. Kuperberg, pł. 1|8 1929. Weksel zostaje unieważniony. Zwrócić takowy do Abrama Sztarkmana, Łódź, Bazarna 9.

א קוואליפיצירטער מאשיניסט

אויף א צילינדער-מאשין מיט איינליגען ווערט געזוכט.

צו ערפאהרען אין אדמיניסטר. פון „נ. פאלקסבלאט" אונטער „A. B."

ווירטשאפט

פאר לעטניקעס

PALMA-PATENT

אנשטאט זיך צו בארגען א בעט אויף אבנוץ-געלד

קויפט בעסער פאר'ן זעלבען געלד

אנ'עכט פאטענטירט בעט מיט א מאטראץ

PALMA-PATENT וואס איז פערזעהען מיט דער שוץ-מארק

פאר וועלכען מיר גאראנטירען אויף 3 יאהר.

אויסערדעם, בעזיצען מיר שטענדיג אויף לאגער אין א גרויסען אויסוואהל

ניקעל-בעטען, אמעריקאנקעס,

ניקעל-קינדער-בעטען, קינדער-וועגעלעך,

מיש-בעטען, קינדער-בענקעלעך

מעטער-מאס. אויף רעדלעך.

מאטראצען געבעטע, שאטקאווע און קאנאדיסקע **קאזעטקעס** און **טאפטשאנעס**

בעט: בעטלעך מיט וועגעלעך ווייס און ברוין 17 זל., פאלאווע-בעט. 14 זל. רעאלע בעהאנדלונג. פאבריקס-פרייזען. זאמטליכע רעפעראטורן.

הורט **לאדז, פאלנאצנא 24, טעל. 31-85.** דעטייל

קלויזולעס און זאבעזפיעטשעניעס

אויף אלע שטעט אין פוילען, בעזארגט שנעל און ביליג דער געוועזענער געריכטס סעקרעטאר

ב. מאז, 10 פיעטריקאווער 10

רעכטסקאנסולענט.

א קאלאניאל-געוועלב

מיט א שוי-פענסטער אין בעסטען צענטרום שטאט, צווישען מאנישקי און טראגוטא גאס מיט פולער איינריכטונג איז פערזיידיג זאפארט איבערצוגעבען צו ערפאהרען שענקעוויטש 20 (אין צוקערניע). מעקלערס געהאנבשען.

איבערצוגעבען

א שטוב מיט א קוך אין בעסטען צענטרום פון שטאדט מיט אלע בעקוועהמליכקייטען

זאכאדניא 66 פראנט, 3.שט.בייב.בראניטאווסקי

Dr. med.

W. EYCHNER

גינעקאלאג-אקושער

זגערזשער 11.

טעל. 34-72

נעמט אן פון 3-6 שפעטער.

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען און דענטיסטישער קאבינעט.

בזשעזשינער 11, טעלעפאן 37-63

אפען פון 9 פריה ביז 7 אוונד.

ד"ר אימיך נאז, האלז, אויערן קר.	$4^1/_2$—$3^1/_2$
ד"ר קערשנער קינדער-קראנקה.	$4^1/_2$-3 11-9
ד"ר שיפמאן אינערליכע קראנקהייטען	2—12
ד"ר לוביטש הויט און געשלעכט-קר.	$1^1/_2$—$12^1/_2$
ד"ר שמירגעלד נערווען און גמטיגע קר.	2—1
ד"ר גאלדבלאט אויגען-קראנקה.	$1^1/_2$—$12^1/_2$
ד"ר חיים כירורגישע קראנקהייטען	3—2
ד"ר שמערלאווסקי פרויען-און געבורטס-הילף	$4^1/_2$—$3^1/_2$

פסיכא-טעראפיע, שטראך-שטערונגען ווי שטאמלען א.א. ווי פאקען-שטעלען, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראהל. אינגעשפריצונגען, מאסאזשען, עלעקטריזאציע, אפעראצ. אויף פערלאנג היזינקען אין שטאט. אין לאבאראטאריום ווערען אנגענומען אלע ארט אנאליזען, אויך פלענטגען און בלוט אימפונגען נעגען שקארלאטין.

ביי דער לעטשניצע איז בעעפענט געווארען

א רענטגען-אינסטיטוט.

ד"ר קאזשינסקי טאן ...

צאהן-ארצט 10—1 3 6

קינסטליכע צייהן, קראנען, מאסטען א. א. ו.

די לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען אין ערצטליך-דענטיסטישער קאבינעט

זגיערסקא 17 טעל. 16-33.

ד"ר ראקאווסקי נאז האלז, אויערן קר. 10—11	2—5 7—6
ד"ר רוזשאנער הויט און געשל. + פט קר. 10.—11	1—2
ד"ר גאלדשטיין- אויגען-קראנקהייטען פאלאק	1—2 7—8
ד"ר יוסטמאן נערווען קראנקהייטען 12—2	חוץ זונ.
ד"ר ראזענצווייג קינדער-קראנקהייטען	12-10 4-5
ד"ר פאפיערני פרויען און געבורטס-הילף	$11^1/_2$-1 5-6
ד"ר קאנטאר כירורגישע-קראנקהייט. 4-5 זונ.	1—2
ד"ר וויינבערג אינ. הערץ לונגען-קר. 12—1,	6—7
ד"ר מאופל רענטגען	10—12 4—6
א. גראדזענטשיק צאהן-ארצט	3—7
נ. ראזעס צאהן-ארצט	9—2

צאהן-באהאנדלונג, בעלייכטונגען, קראנען, מאסטען א.א.וו.

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען

א רענטגען-אינסטיטוט

היילונג פון הויט קראנקהייטען פון קאפ (פארך) מיט אנגענעהמע, פאר בעשטראהלונג און דורכלייכטונגען, קווארץ-לאמפע, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע, פארשיידענע אנאליזען. א קורס פאר שטאמלער.

... נגען שארלאך (שקארלאטין) פון 4—5 נאכמ.

די לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג.

וויזיט אין דער שטאט.

ערצט.-קאסמעטיש. גאבינעט

פרל. מארקוס נעהמט אן פון 7-5 אוונד

קאלדרע-נייהעריגס און קעטלערינס קענען זיך מעלדען נייע ציגעל-גאס 24 וו. 27

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים-ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

נאך פאר ווענערישע הויט-קראנקה. און מענער-שוועכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אוראלאגישע און נערווען-קראנקהייטען.

קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאבינעט האמעטיק.

— — טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אוונד. — —

פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ. נעמט-אן א פרוי-דאקטאר נור קינדער און פרויען

זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.

— בעזונדערע ווארטע-צימער פאר פרויען. —

וויזיט 3 זל.

שפארט-געלד קויפט **שירמס, שטעקענס**

נאר אין דער הערקאסטועל



ס. פיינגנבוים, נאוואמיעיסקא 19

...

25%

...

אנאנסען-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפאלטען

אין טעקסט—40 „ „ „ „ „ 60— „ „ „ 4

נאכ'ן טעקסט—12 „ „ „ „ „ 18— „ „ „ 8

פאר א מילימעטער-שורה: אויסער דער שטאט 50 פראצ. טייערער. אויסל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט אטראגען א היים אויף דער פראווינץ — 6 זל. א חודש; אין אויסלאנד — 8 זל.

פאר'ן אינהאלט אין טערמינען די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך

די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat" Spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg.

Czcionkami i druk „Najer Folksblat" Piotrkowska 21;

Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman.